STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05018

FUNKEN IN ZSHAR

Sam Simchovitch

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Morris Effron & Dawn Dweir Effron
in memory of
their grandparents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַר דעם ליבן פֿרײַנד,
פֿאָרשער און שרײַבער,
חיים שפּילבערג ולזוגתו קלאַראַ -
מיט הערצלעכע גרוסן און גוטע ווינטשן,
שׂמחה סימכאָוויטש
טאָראָנטאָ, דעם 16טן יולי 1997

ש. סימכאָוויטש

פונקען אין זשאַר

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט
טאָראָנטאָ 1997

S. SIMCHOVITCH

FUNKEN

IN ZHAR

(SPARKS IN EMBERS)

POEMS

Copyright
S. SIMCHOVITCH
Toronto 1997

•

ADLER GRAPHICS
Toronto, Canada

פאָרוואָרט

„פונקען אין זשאַר", מיין פינפט לידערבוך, שליסט אָפּ אַ האַלבן יאָרהונדערט פון מיין דיכטעריש שאַפן אין ייִדיש־לשון. מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון, אין עלטער פון 17/16 יאָר, זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורכן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די יאָרן פון וואָגל און וואַנדער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין 1946, נאָכן אומקערן זיך קיין פוילן, האָב איך דעביוטירט מיט אַ ליד אין לאָדזשער „דאָס נייע לעבן" און פון דעמאָלט אָן פאַרעפנטלעכט לידער און אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס אין אַ צאָל ייִדישע צייטשריפטן אין אייראָפּע, די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אין מדינת־ישראל.

מיינע ערשטע לידער־זאַמלונגען, „אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען" (מאָנטרעאָל, 1950) און „אין שעה פון תפילה" (מאָנטרעאָל, 1958) זיינען דערשינען אַ דאַנק דער הילף און דערמוטיקונג פון דער דיכטערין אײדע מאַזע (1962–1893), וועמענס הויז איז תמיד געווען אָפן פאַר די נייַ־געקומענע ייִדישע שרייבער אין מאָנטרעאָל. מחמת די חבלי־קליטה אין נייעם לאַנד און די יאָרן לאַנגע אָנשטרענגען צו פאַרזיכערן זיך אַ מעמד אין לעבן, האָב איך אין משך פון די נאָכקומענדיקע דריי יאָרצענדליק נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן קיין נײַ לידערבוך, כאָטש איך האָב במשך די אַלע יאָרן נישט אויפגעהערט צו שרייבן און פון צייט צו צייט זיך צו דרוקן אין דער ייִדישער פּרעסע.

ערשט דאָס אַרויסגיין אויף פּענסיע אין 1989, האָט מיר דערמעגלעכט צו האָבן די נויטיקע צייט צונויפצוזאַמלען און באַאַרבעטן מיינע לידער און פּאָעמעס פון די אַלע יאָרן און זיי אַרויסצוגעבן אין אַ פאַרנעמיק בוך א.נ. „צער און טרייסט" (מאָנטרעאָל, 1989). דאָס דאָזיקע בוך האָט געהאַט הצלחה: עס איז אין גאַנצן סובסידירט געוואָרן פון מולטיקולטורעלן דעפּאַרטעמענט פון דער קאַנאַדער רעגירונג; ס׳האָט געוווּנען די „י. י. סיגאַל פּרעמיע" פאַרן יאָר 1991, און איז בכלל גינציק אויפגענומען געוואָרן אין דער פּרעסע און פון לייענערס. אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס מיינע אַ צוגאָב־זאַמלונג א.נ. „בלענדיקער האַרבסט" (מאָנטרעאָל, 1990), וואָס האָט איינגעשלאָסן דעם טייל לידער, וואָס זיינען נישט אַריין אין דער פריערדיקער לידער־זאַמלונג.

„פונקען אין זשאַר״, דאָס איצטיקע בוך, באַשטייט כמעט אין גאַנצן פון נייע לידער און פּאָעמעס, געשריבן אין משך פון די לעצטע יאָרן, שוין נאָכן אַרויסקום פון די פריער־דער־מאָנטע ביכער. ווי אין אַלע מיינע ביכער פאַרנעמט אויך דאָ אַ צענטראַל אָרט די אומגעהייערע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ צווייטער דאָמינירנדי־קער מאָטיוו איז דאָס ייִדיש־לשון, איר שיינקייט און עשירות און איר ביטערע מערכה. אין די אָפּטיילן זיינען פאַראַן לידער געווידמעט אַ ריי ייִדישע און נישט־ייִדישע דיכטער און פּראָזאַיִקער, וואָס זיינען מיר געווען נאָענט און האָבן מיך אינספּירירט. צו דעם קומען צו באַטראַכטונגען וועגן מענטש־לעכן זיין און וועגן דער פאַרגענגלעכקייט פון אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אויף אונדזער ערדקיילעך.

אַ צאָל לידער אין דער זאַמלונג זיינען אין משך פון די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פאָלגענדע צייט־שריפטן: „אויפן שוועל״, „אונדזער צייט״, „ייִדישע קולטור״ (ניו־יאָרק); „חשבון״ (לאָס־אַנדזשעלעס); „דער אָנהייב״ (מיאַמי); „לעבנס־פראַגן״ (תל־אביב); „ייִדישע צייטפראַגן״ (טאָראָנטאָ) און „דאָס ייִדישע וואָרט״ (וואַרשע). צו די אַרויס־געבער און רעדאַקטאָרן — מיין האַרציקער יישר־כּוח.

אַ באַזונדערן דאַנק קום איך דעם בוך־פּריז קאָמיטעטביים ייִדישן צענטער אין טאָראָנטאָ, און זיין פּאָרזיצער, פּראָפ. אַדאַם פירסטענבערג, פאַר באַערן פינף פון מיינע ביכער, אין ייִדיש און אין ענגליש, מיט פּרעמיעס, וואָס האָבן מיך געמוטיקט און געהאָלפן אָנצוגיין מיט מיין אַרבעט. אויך דאָס איצטיקע בוך האָט דערזען די שיין אַ דאַנק די באַמיִונגען און דער שטיצע פון אַ צאָל יחידים און אינסטיטוציעס, וואָס איך וויל דערמאָנען לשבח:

יוסף ב. און אַלין האָרוויץ, קליוולאַנד, פּ.ש.; ד״ר פרעד און דזשאָי וויינבערג; וויקטאָר און רינה טאָפּער; מילטאָן שייער; מאַקס און ביטריס וואָלף ביבליאָטעק, בית־צדק קאָנגרע־גאַציע; פּרץ מיראַנסקי ענדאַומענט־פאָנד; פענסיאָנערן־קלוב ביים ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד; בן־ציון און הילדאַ קאַץ; גוריון און רות היימאַן; פייגע טיק; אוירוו און העלענאַ ניומאַן; ישראל קאַפּיטאַ, אַלבערט ביינערמאַן און אַ צאָל אַנדערע פריינד און לייענער. און צום סוף — מיין אָנערקענונג פאַר אַלעק סילווער, דעם איבערגעגעבנעם און קאָמפּעטענטן בחור הזעצער.

ש. סימכאָוויטש

30סטן אַפּריל, 1997.

די עקדה

דאָרטן

דאָרטן איז מיין לעבן אויפגעקומען.
מיט אַלע חושים האָב איך דאָרט פאַרנומען
מיין יִדישע וועלט אין פוילנלאַנד,
איידער עס האָט איר פאַרצוקט די בראַנד
פון וויסטן גזר, פון תוכחה האַרבער,
דורך אומריינע הענט פון נאַצי־פאַרדאַרבער.

נאָך שפּאַרן אין מיר זייערע רייד,
לידער פון פראַצע און ערלעכער פרייד,
פון גאַס, פון קלויז און פון פאַראיין,
חתונות, בריתן, לוויות־געוויין,
איידער עס האָט זיך די פינצטערע בראָך
אַראָפּגעלאָזן אויף זייער שבת און וואָך.

גייט אויף אין אייער אָרעמער שיינקייט,
אין אייער אומגעהייערער אַליינקייט;
זאָלן די טרערן בריען און טריפן
פון אַלע מיינע פאַרבאָרגענע טיפן.

כ'וועל אין אַ ווינקל, אין שטילער יחידות,
דערמאָנען נעמען, געשטאַלטן און מידות
פון נאָענטע, חברים, לייבלעכע גלידער
און אומבאַקאַנטע פּאַרטיליקטע ברידער,
אין געטאָס פאַרשפּאַרטע, אין וועלדער, קאַצעטן.
און זאָלן זייערע יללות, געבעטן,
ווי ס'בלוט פונעם נביא זידן און ברויזן,
לזכר דעם חורבן תש"ב, דעם גרויסן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ווינטער־אידיליע

דריי ייִנגלעך פֿאָרן
מיטן שטאָט־אויטאָבוס, –
פֿריילעך־זאָרגלאָזע,
פֿול מיט יונג געלעכטער.

זיי האָבן אַזוי פּלוצעם
מיר צוריקגעברענגט די קינדער־יאָרן מיינע
אין אָטוואָצק, ביי וואַרשע,
אַ ייִדנשטאָט אין פּוילן.

בין־השמשות. די נאַפט־לאָמפּן אין פֿענצטער
בלינצלען מיט אַ וואַרעם, היימיש ליכט.
פֿאַרבאַבלט אין אַ ווינטער־בורקע,
שאַל און וואַרעם היטל,
כ'לויף פֿייערן דעם אָנקום פֿון ווינטער
מיט אַלע זיינע שניי און פֿראָסט מטעמים:
שניי באַלעמס און שניימענטשן;
שליטעלעך אַליין־צונויפגעקלאַפּטע
פֿון ברעטלעך, געקאָוועטע מיט דראָט.
מיט זיי מיר לאָזן זיך אַראָפּ
פֿון יעדן בערגל און שיפּוע
אין הויף און אויף דער גאַס.

ערשט דאָס גליטשן זיך
אויף די האָלץ־געשניצטע גליטשערס
(געבונדענע צום שוך מיט אַ שטריק און פֿלעקל),
וואָס טראָגן אונדז גיך־גיך
איבער שניי־באַדעקטע טראָטואַרן.

דערנאָך מיר לאָזן זיך אַוועק
איבער ווייטע גאַסן
און שפּרינגען פֿלינק, פֿון הינטן,
אויפֿן אַקס פֿון אַ פֿערד־געשפּאַנטער דראָשקע
און פֿאָרן זיך פֿריי, מעשׂה פֿריץ,
צווישן די רעדער,

ביז דער קוטשער אויפֿן פראַנט־געזעס
דערפּילט אונדז
און מיט דער בייטש טוט ער אַ שמיץ
אויף הינטערוויילעכץ.

רויט-פּנימדיק, צעיאַכמערט,
מיר קומען צוריק אין שטיבער וואַרעמע,
ווו די מאַמע גרייט דעם נאַכטמאָל
און דאָס געקעכץ שמעקט אַזוי היימיש־גוט.

און דער טאַטע,
נאָך אַ פולן טאָגביים שוך־וואַרשטאַט,
דאַוונט בלחש, אין אַ ווינקל,
די מעריב תפילה
צום ווייט־נאָענטן גאָט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

י ו ג נ ט

יוגנט פון אָרעמע ייִדישע געסלעך,
ווו איר האָט די נייע חלומות ווי פּענער
געטראָגן פאָרויס מיט פרייד און געזאַנג;
איר זייט אין שטורעם געוואַקסן, געפיבערט,
געריסן פאָרויס זיך צום זוניקן מאָרגן —
און קיינמאָל צו אים נישט דערגאַנגען.

איך זע אייך נאָך איצט — אַ וואַלד אויפגעוואַקסן,
מיט קרויזיקע קעפּ, שטאָלצע אויף אַקסל,
ווי קרוינען פאַרברוינטע פון רוישיקע ביימער,
מיט אויגן וווּ ס'בלויען זיך פרילינג־חלומות,
הענט מוסקולירטע מיט יונגשאַפט און גבורה
און גלויביקע הערצער מיט אָנזאָג און בשורה.

נאָך שוועבט אייער אָטעם אַרום אויף די וועגן
פון שטעטלעך פאַרמעקטע, פון געסלעך פאַרברענטע,
און ס'שטאַרן די היימישע שטיינער און פרעגן:
„ווו זיינען די יונגע בונטאַרן און קעמפער?"

≈≈≈≈≈≈≈≈

יום־כיפור נעכט

עס לעבט נאָך אַ געדעכעניש אין מיר
פון יום-כיפור נעכט אין מיין היימשטאָט,
ווען דער הימל האָט געטונקלט און פאַרהילט
די וועלט מיט פאַרכטיקייט פון יום־הדין.
אַ שלווהדיקער טרויער האָט געהויערט
איבער אַלעמען, ווי ס'וואָלט די וועלט
איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

עדות יידן האָבן אָנגעפילט די שילן,
געהילטע אין טליתים, אין געציטער
פאַר דעם, וואָס אייביק לעבט און חתמעט
איעדנס גורל אין אָט דעם טאָג.

אין מיין דמיון איך זע
די הויכע, טריפנדיקע נשמה־ליכט.
זייערע רויטע פלעמלעך ציטערן
ווי די הערצער פון יעדן אין דער עדה.
דער חלב אין די זאַמד־קעסטלעך טריפט
ווי טרערן מאַמישע פון די אויגן.

דער טאַטע ביי מיין זייט שלאָגט זיך על־חטא,
און אין דער ווייבער־שיל די מאַמע בעט
פאַר יעדערן באַזונדער
פון אירע פינף קליינע קינדער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

כ'האָב איינגעזאַפּט

כ'האָב איינגעזאַפּט דיין פרייד און טרויער,
ווי ס'זאַפּט איין די ערד פרימאָרגן־טויען;
כ'האָב אָנגעטרונקען זיך מיט צער און קרעכץ
פון טאַטעס געבוויגענע, פון מאַמעס גרויע.

מיט דיין יום־טוב, מיט דיין בראָך
דורכגעדרונגען זיינען מיינע גלידער;
אַזוי אויף שטענדיק שוין פאַרזיווגטע
מיט מיין זיין, מיט מיינע לידער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

צעשיידונג

און ווען גערירט האָט די באַן, די אָנגעפּראָפּטע
מיט פּליטים, וואָס האָבן פון וואַרעמע היימען,
פון טאַטע־מאַמע, ווייב־און־קינד זיך אָפּגעריסן
און זיך געלאָזן אין דער וועלט, דער צעצונדענער,
האָט מיין האַרץ געשווערט מיט פּחד און מיט שולד
פון אַזאַן, וואָס אַנטרונען איז דער ערשטער
פון אַ ברענענדיקן הויז אָדער אַ שיף,
וואָס אַט־אַט וועט זי זינקען אין די טיפן.
געבליבן אין דער היים זיינען טאַטע־מאַמע,
דריי שוועסטערלעך, אַ חנוודיק ברודערל.

ערשט נעכטן אָוונט האָב איך זיי געזעגנט
אין הויף אין היימישן, פול מיט שכנים.
די מאַמע האָט געקלאָגט, געהאַלדזט און געאָרעמט
דעם בכור און קדיש אירן, וואָס פאַרלאָזט זי.
די קינדער זיינען נאָכגעגאַן פאַרטרערטע,
די שכנים האָבן מיינע הענט געדריקט.
בלויז דער טאַטע האָט געשוויגן טרויעריק,
דערלאַנגט מיר אַ פּאַפּירן צענער־זלאָטע
און שטיל געזאָגט:
„געדענק אונדז, שׂמחה, געדענק!"

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַנטלויפסט

אַנטלויפסט, ברודערל, אַנטלויפסט,
אַנטלויפסט, האָסט מורא. . .
נאַר ווייס: נישטאָ איז קיין אַנטלויף
פאַר דעם גורל.

אַנטלויפסט, ברודערל, אַנטלויפסט
צופוס, מיט באַנען,
נאַר ווייס: יעדער פרעמדער הויף
וועט אָן דער היים דיך דערמאָנען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פ ל י ט י ם

שלעפּט זיך אַ צוג פּאַמעלעך, אומזיכער.
דער הימל איז קלאָר, נאָר גיך ווי אַ וויכער
טראָגן זיך אָן פון ווייט עראָפּלאַנען,
גרייט צו פאַרניכטן די פּוילישע באַנען.

שטעלט זיך דער צוג מיט האַסטיקן גרילץ,
צעלויפן די מענטשן זיך שרעקיק און ווילד,
אַריין אין די וועלדלעך, ביים זייט פון די שינעס,
מיט פּחד אין הערצער און גרויליקע מינעס.

פאַל איך צו צום שטאַם פון אַ ביימל,
קלאַמער אָן אים זיך מיט אָרעמס פון אימה.
קרייזן פון אויבן די מלאכי חבלה
און שטעפּן די קוילן, צעצונדענע שטאָלן.

ציטערט דאָס האַרץ אין שרעק און טרעוואָגע,
יאָמערט אַ שייגעץ דערנעבן: „אָלאַ באָגאַ!"
געשעט באַלד אַ נס – די מחבלים פאַרשווינדן
און סיווערן די פּליטים פריי, אויפגעבונדן.

לויפט מען צוריק צו די גרייטע וואַגאָנען,
שלעפּט זיך דער צוג אויפסניי איבער לאַנען,
איבער דער ערד, וואָס ווערט צעטראָטן
פון דייטשע חיילות – די האָטענטאָטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

קיין לוצק

נאָך דריי טעג קוים דערשלעפּט זיך
צו דער ייִדנשטאָט לובלין. שמאָלע געסלעך
אָנגעפּראָפּט מיט ייִדן פון אַלע שטאַנדן:
רויטע יונגלינגען, טראַציק־פּרייע, בונדיסטן
און פּאָלקיסטן, ביתרים און אגודהניקעס,
און די תורה־קרוין פון שטאָט, די ישיבה
מיט ווילנערס שלאַנקע, איידעלע,
וואָס האָבן אויסגעזונגען דבקותדיק
מסכתאות גאַנצע – אַלץ פון אויסנווייניק;
די שטאָט פון רמ״א, וועד ארבע הארצות.
אַצינדערט צאַפּלט זי אין דערוואַרטונג
אויפן אָנקום פון גערמאַן דעם חיהשן.

מיט מיינע צוויי חברים אייל איך
איבער גאַסן אָנגעצויגענע, צום צווייטן וואָקזאַל,
אַוועקלאָזן זיך ווייטער־צו, צום מזרח.
אַ צוג שטייט דאָרט מיט אויסגעהאַקטע שויבן,
מיר שטייגן איין און פאָרן ווידער
אויף דרום־מזרח, ביזקל כעלם (די שטאָט
די וועלט־באַרימטע פון קלוגע נאַראָנים).

פון כעלם מיר שלעפּן זיך מיט פורלעך, צופוס,
איבער שליאַכן דאָרפישע, דורך שטעטלעך
פאַרשלאָפענע, מיט ערלעך־האָרעפּאַשנע ייִדן,
ביזקל צו דעם בוג־טייך זיך דערשלאָגן.
אַ דאָרפס־ייִד האָט אונדז איבערן בוג איבערגעפירט,
פון דאָרט קיין קאָוועל צומאָרגנס אָנגעקומען
און צו דער וואָך – קיין לוצק דערגרייכט.

פיר טעג נאָך דעם האָט די אַרמיי די רויטע
אַריינגעשטורעמט אַהין פון ראַטנלאַנד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין פרעמדע ווייטן

די זון האָט איבער מיר הויך זיך צעשיינט
און געמוטיקט מיך אין מיין ווייטן וועג.
אָט איז שוין הינטער מיר דאָס באַרג־דערפל
אין קירגיזנלאַנד, ווו כ'האָב פאַרוואָגלט.
כ'נידער איבער באַרג־סטעזשקעס פאַזע אָפּגרונטן
און שפּיגל זיך אין קרישטאָל־ריינעם וואַסערפלאַך
פון דער ווילד־ראַשיקער סיר־דאַריע.
אָט וואַש איך אין איר קאַלטן שטראָם
דעם שטויב פון מיינע הענט און פנים.

איך שפּאַן ווייטער. הינטער מיר די בערג
און פון פאָרנט דער ברייטער, רונדער טאָל
מיט ברוין־כוואַליעדיקע תבואה־זאַנגען.
איך שנייד די ווייט מיט יונגע, איילנדיקע טריט.
אָט נענטערט זיך צו מיר אַ נײַ דערפל.
איבער די ליים־כאַטעס שלענגלט זיך דער רויך
און סיבילן הינט הינטער פּלויטן, צאַמען.
און איך גיי און גיי, אַ פאַרוואָרפענער
אין צעזוניקטע און פרעמדע ווייטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

מ אַ מ ע

פון ווייטע מרחקים רוף איך צו דיר,
פון אומעטום הער איך דיין געוויין;
וואָלט איך פליגל געהאַט איצט אויף מיר
צו פליען איבער גרענעצן צו דיר אַהיים!

כ'זע דיך שטיין — אַ ווערבע איינגעבויגן
אויף שוועל פון שטוב, פינצטער און אַליין;
באַגלייטסט מיך, מאַמע, אויף אַלע מיינע וועגן,
דיינע טרערן ברענען אין מיין געביין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ספּאַסק

ווי אַ דימענט איינגעפּאַסט אין מיין זכרון,
ווי אַ קוואַל אַ לויטערער פון מענטשן־גוטסקייט,
ביסטו ספּאַסק –
אַ שטעטעלע אין צענטראַל־רוסלאַנד,
ביי דעם ברעג פון אָקע־טייך.

יאַנואַר 1940. אַ פול־געפּאַקטער עשעלאָן
מיט פּליטים, אַנטרונענע פון פּוילנלאַנד,
שניידט זיך פּאַמעלעך, אַלץ טיפער אַריין
אין האַרץ פון מוטער־רוסלאַנד.

דאָס פייער קנאַקט אין טשוגון־אייוועלע
אין מיטן פון אַיעדן וואַגאָן
און וואַרעמט סיי די גופים און סיי געמיטער.
מען זינגט, מען שמועסט, מען שליסט קאַנטשאַפטן
אויפן וועג צום אומבאַקאַנטן, שטרענגן,
אָבער דאָך לאָקערדיקן ראַטנלאַנד.

מיט אַ פּייקע ברויט באַזאָרגט איז יעדער.
אויף די וואָקזאַלן פריי איז „קיפּיאַטאָק"
צו דערוואַרעמען דאָס מויל און די געדערים.
צומאָל איז גרייט פאַר דער גאַנצער מחנה
אַ פולער מאָלצייט אין אַ גרויסן עסזאַל
פון אַ באַנסטאַנציע רעסטאָראַן.

אויף דער דריטער וואָך, אין שטאָט ריאַזאַן,
אַ פיין־געקליידטער יונגערמאַן ט'זיך באַוויזן
צו רעקרוטירן אַכט יונגע מענער
פאַר דער לעדער פאַבריק פון ספּאַסק.

סוף יאַנואַר געווען. אַ ביטער־קאַלטע נאַכט.
איינגעטוליעטע אין שובעס,
אויף אַ לאַסטאויטאָ מיר האָבן זיך געטראָגן
צו אונדזער נייער היים אין ספּאַסק.

דער עסזאַל פון זאַוואָד איז געווען באַלויכטן
צוליבן אָנקום פון די „בעזשענצעס".
אַ גלעזל וואָדקאַ האָט דערוואַרעמט יעדן,
מיט אַ צובייס פון שוואַרץ ברויט מיט הערינג.
דערנאָך – גלייך אָפּגעפירט אונדז אין האָטעל
(דעם איינציקן אין שטעטל)
זיך אויסצורוען אין בעטן ריינע
נאָך אַכצן טעג אויף האַרטער פּריטשע,
פערציק נפשות צו אַ וואַגאָן.

אָ, לעדער פאַבריק פון ספּאַסק,
ווי גרויסמוטיק האָסטו אונדז אויפגענומען,
אַכט יונגעלייט ייִדישע, ניצולים
פון נאַצי־אָקופּירטן פּוילן.

הינטער אונדז געלאָזן אייגענע און נאָענטע
אונטער זידלשריי און בייטש פון דייטשן
אין אַ ים פון שׂינאה און דערווידער.
אַכט היימלאָזע, יונגע ייִדן,
אַצינדערט אָנגעלייגטע תושבים
פון אַן אַרבעט־יישוב אין ראַסיי.

דעם ערשטן טאָג, אין דער פאַבריק דוש,
האָט מען אונדז באַקליידט פון קאָפּ ביז פיס,
מיט אונטערוועש, אָנצוגלעך, רובאַשקעס
און קורטקעס וואַטענע – „פופייקעס".

אַ פּאָר טעג שפּעטער – נייע שטיוול
האָט מען אויפגענייט פאַר יעדן
(מיט פרישע אָניצעס – אַ צולאָג).
דערנאָך איינקוואַרטירט אין ריינע צימערלעך
אין היימען עטלעכע פון אַרבעטער משפּחות.
בעטן צוגעשטעלט מיט וואַטע־צודעקן –
אַלץ אויפן חשבון פון זאַוואָד.

אַצינדערט, אָפּגערוט שוין און פאַרהיימישט,
האָט מען אַרבעט־פּלעצער אונדז אויסגעטיילט.
(אויסער די צוויי שניידערס, וואָס אויסגעכאַפּט האָט
דער שטאָטישער באַקלייד-אַרטעל.)

יאַנקל, דער וואַרשעווער טרעגער פון קראָכמאַלנע גאַס,
איז אַ לעדער־פּאַקער דאָ געוואָרן.
זילבערשטיין, געווען אַ קעלנער אין אַ שענק,
אין אַ שלאָסער געזעל פאַרוואַנדלט.
מיין נייער חבר, יוסף וויינגאַרטן,
אַ באַבּרילטער גימנאַזיסט און בן־טובים,
האָט אין דער לאַבאָראַטאָריע זיין אָרט געפונען.

און מיך, אַ שטעפּער־יינגל פון דער היים,
אין שוסטער־צעך ט'מען אַריינגעפירט
צו לערנען די מלאכה ביי אַ געניטן מייסטער.
(געקראָגן גלייך הונדערט רובל אַ חודש,
געהאַלט פון אַ געזעל,
דערצו נאָך פּופּציק פונעם בעל־מלאכה.)

פאַרטאָג האָט די פאַבריק סירענע
די נאַכט געשניטן און די איינוווינער גערופן
פון די הייזקעס צעוואָרפענע אַרום.
אָנגעטאָן אין וואַטוווקעס, אין הויכע שטיוול,
האָבן זיי געשפּאַנט צום וואַכטויער,
יעדער צו זיין אָפּטייל אין זאַוואָד.

מיטאָגצייט אין עסזאַל, זעמיר געשטאַנען
מיט אַלע אַרבעטער, געוואַרט געדולדיק
אויפן טעלער זופּ מיט „זשיר" באַשמאָלצן
און די געפּושערטע קאָטלעטן, מער ברויט ווי פלייש.
געזעסן מיט מענער, פרויען, אָנגעקליידטע
אין קאָמבינזאָנען פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן
מיט שאַרפע ריחות פון פעל און גאַרבעריי.
האָרעפּאַשנע לייט געווען, צוגעלאָזענע.
אומפאַרגעסלעך זייערע פאַרבענקטע לידער
אָדער גאָר די שפּילעוודיקע „טשאַסטושקאַס".

אין גיכן האָבן איך און יוסף זיך פֿאַרשריבן
אין דער אָונט מיטלשול פֿאַר דערוואַקסענע,
צום ערשטן ווי פֿרייע צוהערער, דערנאָך
תּלמידים שוין פֿון ניינטן, צענטן קלאַס,
פֿאַרויסגייענדיק צו דער מאַטריקולאַציע.

פֿינף אָוונטן אַ וואָך, פֿון זיבן ביז עלף,
האָבן מיר געאײַלט אין שול, ביים ראַנד פֿון שטעטל,
אין שניי, אין פֿראָסט, אין ווינגע.
אַהיימגעקומען שוין ביי האַלבער נאַכט,
געכאַפּט אַ צוביים -- אַ פּענעץ ברויט מיט קנאָבל
אַראָפּגעוואַשן מיט אַ גלאָז הייס וואַסער,
און גלייך אין בעט אַריין, נישט צו פֿאַרשלאָפֿן
און אַריינכאַפּן צומאָרגנס אַ „פּראָגול".

איך דערמאָן זיך מיינע וואַקאַציע וואָכן
אין דער היים, זיך גרייטנדיק
צו די עקזאַמענס אין דער אָונטשול.
געקייעט כּ'האָב די רוסישע גראַמאַטיק,
מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס, לאָגאַריטמען,
אָפּגעפֿרישט זיך בלויז ביים לייענען
די וואָרט־שאַפֿונגען פֿון רוסלאַנדס מייסטערס.

מיר האָבן גראַדויִרט אין יוני 1941,
בלויז טעג געציילטע איידער ס'איז דער דייטש באַפֿאַלן
זיין כּלומרשטן פֿאַרבינדנטן אויף מזרח.
אַלע מענער האָבן גלייך זיך אָנגעשלאָסן
אין דער פֿאָלקס־מיליץ, צו באַשיצן
דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון די הונען.
איעדער איז פֿון איצטער אָן צוגעשמידט געוואָרן
צו זיין אַרבעטספּלאַץ און פּאָסטן.

בלויז איך און יוסף ווייַנגאַרטן, מיין חבֿר,
גראַדויִרטע פֿון דער מיטלשול פֿאַר דערוואַקסענע,
זיינען פֿריי געווען צו אַפּליקירן
אין אַלע הויכשולעס און לערן־אַנשטאַלטן.
אין גיכן טאַקע אָנגענומען געוואָרן
אין לערער־אינסטיטוט פֿון קאַזאַן.

אַזוי האָט אָנגעהויבן זיך אונדזער נייע אָדיסיי
איבער שטעט און לענדערייען
פֿון דעם אין קריג צעברויזטן ריזן־לאַנד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

חבר פראָים

אין אָנדענק פון אפרים סאָלאַזש (1907־1988)

הויך, מיט אָדלער־אויגן דרייסטע,
אַ פּאַרטיידיקער פון אונטערדריקטע,
אַ יושר־קעמפער, אמת־זוכער –
חבר פראָים.

אין זיין יוגנט – אַ קאָמוניסט,
פאַרדינט שווינדזוכט, בלוט־געשפּיי
אין טורמעס פּוילישע.
אין די יאָרן דרייסיקער,
אויפגעבראַכט פון סטאַלינס מערדערייען –
אַ בונדיסט געוואָרן.

כ׳האָב געטראָפן זיך מיט אים
אין אָטוואָצק, מיין היימשטאָט,
אַ מקלט פאַר טי־בי געשלאָגענע.
געשאַפן האָט ער דאָרטן
אַ יוגנט־גרופּע, אַ בונדישע.
אין אָוונטן און שבתים
געווען זיינען די צוויי שטיבלעך פול
מיט געזאַנג, מיט יונגשאַפט.

אין חדשים ערשטע
פונעם צווייטן וועלטקריג,
געקרייצט האָט ער, הין־און־קריק,
די נייע גרענעץ מיט סאָוועטנלאַנד,
מיטגעברענגט איעדעס מאָל
אַ נאָענטן, פון נאַצי קלעם.
אָבער גיך אויך דאָ
פאַרנומען געוואָרן אין אַ לאַגער
טיף אין סיביר.

באַפרייט אין 1941. פּליטים פון פּוילן
געשטראָמט האָבן אין דרום־ראַיאָנען
פון רוסלאַנדס מיטל־אַזיע,
הונגעריקע, טיפוס־געשלאָגענע.

מיר האָבן דאָרט אים אָפּגעפּונען
אין אַ דאָרף ערגעץ אין קירגיזיע.
זיין שטוב פון שטרוי און ליים
געווען איז אַן אָפענע פאַר אונדז.
געשלעפּט האָט ער זעק מיט תבואה
צו דער מיל, ס׳זאָל זיין גענוג פאַר אַלע
פּלעצלעך היים־געבאַקענע, טעפּלעך וואַרעמס.

אין 1944, פּונקט אין צייט,
אַנטרונען ר׳איז פאַר דער נ.ק.וו.ד.,
וואָס האָט שוין לאַנג אויף אים געלויערט.
געווען פון די ערשטע חוזרים
אין באַפרייטן פּוילן.
אין נידערשלעזיע, אַנעקסירט פון דייטש,
ר׳האָט געהאָלפן בויען יִדישע יִשובים.
אָבער אויך דאָ, אין גיכן,
האָט גענומען סיקען
דער שלאַנגען־סם פון שׂינאה
אַקעגן יִדן־איבערבלייב אין פּוילן.

ר׳איז אַוועק, ווי אַנדערע, קיין דענמאַרק,
אַ לאַנד מיט אַ האַרץ,
וועמענס קיניג האָט, אין טעג פון בראָד,
אַנגעטאָן מיט שטאָלץ די געלע לאַטע.
אומבאַזיגטע, האָבן דאָ זיך פאַרזאַמלט
אַ הייפל אויסגעפרווטע ראַדיקאַלן,
רייך אין געדענקשאַפטן –
טורמעס, שטרייטן
פאַר אַן אַרבעטסמאַנס גן־עדן.

דאָ האָט פּראָים אויפגעברענגט זיין טאָכטער,
דערלעבט צו זען אַן אייניקל,
בעת זיין מחלה האָט טאָג־איין טאָג־אויס
אים פאַרצערט, דערשלאָגן.
שטאָלץ און מוטיק ר׳איז פאַרבליבן,
נישט באַקלאָגט זיך אויף זיין מעמד
אַקעגן קריכנדיקן, מיאוסן טויט.

אין זיין צוואה ר׳האָט פאַרזאָגט
ס׳זאָל זיין גוף אין קרעמאַטאָריע־פייער
פאַראַשט ווערן, ווי די מיליאָנען ברידער זיינע.
אַ מנין אָדער צוויי חברים
האָבן אים באַגלייט צו לעצטער רו.

אַזוי געלעבט, געשטאָרבן איז
חבר פראָזים –
אַ פריידענקער, אַ גלויביקער,
אַ ריטער פאַרן אַרבעטסמענטש.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין פרעמדן לאַנד

איך שפּאַן אַ באָרוועסער אין פרעמדן לאַנד,
ווײַ און ווינד אין מיין געמיט;
ס׳גליט דער הימל, ס׳גליט דאָס זאַמד,
ס׳ברענען מיינע נע־ונדע טריט.

איך שפּאַן אַ היימלאָזער, אָן לייבלעך העמד,
די פיס – צעבלוטיקטע און מידע;
אַרום מיר – אַ וויסטע פרעמד,
מיין געלעגער – יעדער שטיין און גרודע.

כ׳ליג פאַרחלשט אויפן וועג,
אויפן טרוקן־הייסן ליים;
אין גלי פון זון גייט אויף פאַר מיר
מיין ווייטע, בלוטנדיקע היים.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין דאַנקשאַפּט

מאַכטיק פֿאָלק פֿון רוסלאַנדס ברייטן,
סימפּאַניעס זינגט מיין האַרץ דיר, שבֿחים
צו שנייִק־ווייסע, ברייטע שטחים,
צו אַ פֿאָלק אַ שטאַמיקן, אַ האַרטן,
פֿיל־געליטענעם, אָפֿענעם, באַהאַרצטן,
צו אַ לאַנד פֿון רעטונג, אַ מקלט
פֿונעם וויסטן שלעגער דייטשישן, ימ״ש.

פֿאָלק געטראָטן און געשמיסן
פֿון טיראַנען, רוצחישע פֿאַרכאַפּער,
ווי איר האָט געקאָנט זיך טיילן
מיט אַ פּייקע ברויט, אַ וואַרעם ביסן,
מיט אַ שטרוי געלעגער אין אַ שייער,
צי נאָ ווינטער פֿראָסט אין כאַטע
דעם פֿרעמדן פּליט צו פֿאַרהיימען.

טשיריצע אַלטער, מיין „כאַזאַיִן",
אין שטעטל ספּאַסק ביים אָקע־טייך,
ווו כ׳האָב אויפֿן לעדער זאַוואָד,
אין שוסטערצעך געאַרבעט.
אַ היים, אַ שטילע, ציכטיקע,
האָב איך ביי אים געפֿונען;
אין אָונט, ביי דעם הייסן סאַמאָוואַר,
אַ וואָרט אַ גוט־ברודעריש געקאָנט אויסטוישן.

און „מומע" קלאַודיע, די צדקת,
פֿון דער ווייט־סיבירער שטאָט טאָמסק,
אַליין אָן מאַן געבליבן מיט פֿיר קינדער,
ווי נאָר דער קריג־בוריאַן האָט זיך צעבושעוועט.
טאַניאַ, די עלטסטע,
קוים פֿערצן יאָר אַלט געווען,
איז ביים טאָקער־ווערקשטעל, אין געווער־פֿאַבריק,
פֿון פֿרי ביז אָונט שוין געשטאַנען.

צוויי שוועסטער, מיידלעך ייִדישע,
נאָר וואָס פֿון טייגעוואַלד באַפֿרייטע,
האָט זי צו זיך אין הויז גענומען,
ביים טיש געזעצט מיט איר געזינדל,
געטיילט מיט זיי אַיעדן ביסן
ברויט און וואַרעם שיסעלע געקעכץ.
(אויך מיך האָט זי איין מאָל אויפֿגענומען
טעג עטלעכענע, ווי אַן אָנגעלייגטן אורח).

און לשבח דערמאָנען כ׳וויל איוואַנען,
מיין אוקראַינער באַלעבאָס פֿון אָקטיאַבערסק,
אַ דאָרף אין קירגיזנלאַנד, נישט ווייט פֿון כינע.
זיין ענגע כאַטע איז אַ היים געוואָרן
פֿאַר מיר, מיין ווייב און אונדזער ניי-געבוירן טעכטערל.

צום אָפּפֿאָר האָט די איוואַניכע
אונדז אָנגעברייט אַ זאַק סוכאַרעס
פֿון ווייסן זעמלמעל, פֿאַרזוסט מיט צוקער.
די בעבעכעס אונדזערע האָט איוואַן אַליין
געלאָדן אויף זיין אייזעלע, באַגלייט

ביזקל דער באַנסטאַנציע. ביים וואַגאָן
מיך אומגעאָרעמט און געקושט
און מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופֿן:
„סעמיאָן, קודאַ יעדיאָש? ווהין פֿאָרסטו?
צוריק אין לאַנד פֿון די פּאַנעס?!"

ביז איצט, שוין פֿינף יאָרצענדליקער באַלד,
טייעט אויף מיין האַרץ ביים דערמאָנען
זייערע מענטשן־טאָטן אומבאַלוינטע.
און ס׳פּרעפּלען מיינע ליפּן שטיל אַ ברכה
צו אָט די לייט די ווייט־נאָענטע:
זייער קינד־און־קייט, זייער היימערד
זאָל דער בעל־חשבון אייביקער סוף־סוף באַלוינען
מיט זעט און פֿרידן אויף אַלע צייטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

קאַסאַנדרע

קאַסאַנדרע קלאָגט
איר ווינד און ווײ געקלאָג,
זעט בלוט און פֿײַער־רינגען
רונד אַרום טראָיע.

מבזה זײַנען אַלע
אירע שוואַרץ־זעערייען.
די סוחרים, ווי געווײַנטלעך, טומלען
אַרום די מאַרקבוידן.
די פּאַנצער־ריטער פּאַראַדירן;
די פּריסטער — אײַנגעהילט אין ווײַרויך;
די חניפֿהדיקע הױפֿלײַט ווימלען
אַרום דעם קיניג מיט זײַן מלכּה.

אָ, די גריכן וועלן זיך אַ לאָז טאָן
ווי אַ פֿײַער־שפּײַענדיקע לאַווע,
נישט שוינען וועלן זײ קײן קינד און זקן,
די שענסטע יונגפֿרויען וועלן זײ נישט רײַצן.
אין פֿלאַם זײ וועלן אַלעם שלײַדערן,
דער בלאַנקער שווערד אָפּגעבן.

קלאָגט, טראָיעס טעכטער,
אויף אײַערע ווײַס־צעבליטע לײַבער;
רײַסט די קודלעס, מאַמעס,
אויף דער פּרוכט פֿון אײַערע טראַכטן.
געמשפּט טראָיע האָבן אַלע געטער —
מיט דער ערד אויסגעגלײַכט ווערן.

— און דו, אַנעאַס יונגער —
ווער אַנטרינען!
דער בלאָער הימל איז אומענדלעך,
די ערד איז פּרוכטיק אומעטום
און שפּעדיק — די ימים.
אַ שארית בלײַבן וועט,
אײנער פֿון צען טויזנט.
לויכטן טראָיע וועט אין זײַערע הערצער
צאַפּלדיק און פֿריש, ווי געווען
אײדער די גריכן האָבן זי
אין אַ שטײנער־פֿעלד פֿאַרביטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אָטוואָצק

אָטוואָצק, היימשטאָט מיין,
מיין גאַנץ וועזן שרייט צו דיר,
באַווייַנט דיין ביטערן, נישט־פאַרדינטן גורל.
יונג־אומשולדיק, פול מיט לעבן
האָב איך דיך, צו אַכצן יאָר געלאָזן,
צו קומען צוריק צו גראָז און שטיינער.
שווידערסקע גאַס פון מיין קינדהייט,
(נאָך דעם שווידער־טייכל, וואָס פלעגט
געמיטלעך צווישן סאָסנעביימער),
ווי האָב איך דיך אַליין געלאָזן
און נישט געטיילט דיין דאָליע,
ווען מ׳האָט דיך אין איין טאָג
(ו׳ אלול תש״ב, פרשת כי תצא)
פון היימערד מיט די וואָרצלען אויסגעריסן
און אָפּגעשיקט צו אַלע מיתות פון טרעבלינקע.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פאַמיליע פּאָרטרעט

אומשולדיק־ריינע זעקס נפשות מיינע,
מען האָט אייך אַלעמען אין איינעם
אויסגעריסן, פאַרפּיינט און פאַרשניטן
און מיך אַליין געלאָזן, אויסגעמיטן.

עס קוקן פנימער אייערע, שטיל און מילד,
אַראָפּ צו מיר פונעם טונקעלן בילד
אין מיין שרייבשטיבל אויף דער וואַנט.
כ׳קוק אויף אייך, בין מיט אייך באַנאַנד

צוריק אין אונדזער אָרעמנעסט אין פוילן,
איידער ס׳האָט דער גזר זי אויסגעהוילן
און מיך פאַריאָגט צו אַלדע רוחות,
כ׳זאָל טראָגן אייער אָפּבילד ווי די לוחות.

און ביזקל מיינע לעצטע אָטעמצוגן
באַדויערן וועל איך אייך און באַקלאָגן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ג אָ ד ל

מיין קלײנער ברודער גאָדל האָט זיך באַװיזן
צו מיר אַנומלט אין אַ זעלטענעם חלום.
זיין ליבלעך, שמייכלדיק פּנימל
נישט פאַרענדערט אין טרעבלינקער גאַזקאַמער.
ער האָט געזאַמט זיך אַ װײַל, דערנאָך
פאַרשװוּנדן שווייגנדיק, ווי געקומען.

איך וווּנדער זיך: האָט ער זיך פאַרבענקט
צו זען מיך נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג?
אָדער גאָר געקומען מיך דערמאָנען,
אַז ס'איז שוין צייט פאַראייניקט צו ווערן
מיט אייגן בלוט און פלייש.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דו און איך

איך בייל מיין פויסט אַקעגן הימל
אין אומגלייכן, צאָרנדיקן פאַרמעסט:
דו האָסט פאַרהפקרט זיי, און איך
פאַרלאָזן האָב מיין אָרעמע נעסט,

די היימיש־טונקעלע ווענט פון שטוב,
ווו טאַטע־מאַמע — מלאכים צוויי —
געשיצט און אויסגעהיטן האָבן אונדז
פון הונגערנויט, פון צער און וויי.

ווען זייער בלוט געפלאָסן הפקר איז
ווי וואַסער אויפן גאַסנברוק,
האָסטו די האַט פון שלעגער נישט געצוימט
און נישט פאַרנומען זייער בראָך און קלאָג.

און איך, אַ מאַן פון אַכצן יאָר, אייך־אַליין,
אַטרונען בין מיט אייגענעם געביין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דער איבערבלייב

מען האָט זיי פון קעלערס און בוידעמס געטריבן,
שוין נאָך דעם ווי אַכט טויזנט ייִדן זיינען
אין פראַכט־וואַגאָנען פאַרשפאַרט, פאַרהעמערט,
אין לאַגער טרעבלינקע צום אומקום אַוועק.

טייל זיינען אייגנוויליק אַרויסגעקומען,
געטריבן פון פינצטערניש, הונגער און דורשט.
זיי האָבן געזאַמלט זיך, איבערגעענטפערט
צו די פאַרבליבענע געטאָ־פּאָליציי.

אונטערן פרייען הימל זיי זיינען
געזעסן אויף ד׳ערד, אַרומגעצאַמטע
געהיטן פון אייגענע געטאָ־פּאָליציאַנטן.
מאַמעס מיט קינדער צונויפגעדרענגטע,
טאַטעס און זקנים אין טליתים געוויקלט.

טייל האָבן געשריגן צום הימל, געמאָנט
ביים כּביכול דעם שטום־בלינדן, אויבן,
וואָס האָט קיין רחמנות אויף פּיצעלעך קינדער,
אויף טראַגיקע מאַמעס, אויף ליכטיקע מוידן
אין אַזאַ מין לית־דין ולית־דיין וועלט.

אַנדערע האָבן געזונגען ייִדישע לידער,
יום־כּיפּור תּפילות, קאַפּיטלעך תּהילים,
דערמאָנט זייערע טוונגען גוטע,
באַדויערט זייער אַמאָליקע קאַרגשאַפט,
ווען זיי האָבן געשפּאָרט פאַר מאָרגנטיק.

און קינדער זיינען געזעסן פאַרשטילטע
פאַרטוליעט אין וואַרעמע מאַמישע שויסן
און קיין עסן מער נישט געמאָנט.

באַלד אין פרימאָרגן זיינען אָנגעקומען
די מלאכי חבלה – צען זשאַנדאַרן
און מיט זיי אַ הייפל מונדירטע פּאָליאַקן
און נאָך זיי – די יודנראַט היטער
מיט היטלען און בענדער פון אָרדענונג־דינסט.

צום ערשט וועלן די זשאַנדאַרן אַריינגיין
איינער נאָכן אַנדערן אין דער פאַרצוימונג
אַוועקרויבן דאָס לעצטע צירונג און געלט.
מענער און פרויען וועלן גערן אָפּגעבן
חתונה רינגלעך, אויררינגלעך, געלט,
קניען פאַר זיי ווי פאַר מאָנסטער־געטער
און בעטן מיט זודיקע טרערן רחמים
פאַר זייערע זויגלינגען, שעפּעלעך קליינע,
זין און טעכטער — די פרוכט פון זייער טראַכט.

עס וועלן דאַן אָנקומען יידן מיט רידלען
פון קאַרטשעווער לאַגער, הינטער דער שטאָט.
זיי וועלן אויסגראָבן די ברידער־קברים
מיט זאַמדיקע בערגלעך פון פאַרנט אָנגעשיט.

דאָ הייבן אָן די זשאַנדאַרן צו טרייבן
דעם ערשטן צענדליק פון דער פאַרצאַמונג.
טייל איילן זיך גיך־גיך צו זייער ענד,
טייל האַלטן פאַר הענט זיך ביז לעצטער רגע,
אַנדערע נעמען גאָר גיין פּאַמעלעך,
מיט קעפּ אויפגעריסן אַקעגן די רוצחים,
מיט קללות פאַרשטשעמעט אין זייערע ציין.

ביים אָנשיט זיי לייגן זיך אַלע אַנידער
מיט בייכער אויף רייִנעם, גאָלדענעם זאַמד.
באַלד פאַלט דער באַפעל. די פייער־סאַלוועס
צעשמעטערן קעפּ, רוקנס און נאַקנס.
דאָ לויפן אָן די לאַגער־יידן
און שליידערן זיי אין אָפענעם גרוב.

דער אָנשיט איז ליידיק און ווידער גרייט איז
פאַר אַ נייעם צענדליק יידן־מאַרטירער —
רייִן און אומשולדיק ווי דער זומער פרימאָרגן,
וואָס שיינט און מיניעט מיט אַלע קאָלירן
דורך די צעגרינטע סאָסנעביימער
פון לופטיקן וואַלדיקן שטח אַרום.

נישט ווייט פון די גריבער שטייען באַשטיוולט
די צען אַפּאָסטאָלן פון הענקערפּאָלק.
דער שוויס רינט אַפּער פון אונטער די קאַסקעס,
זיי קילן דעם דורשט מיט פלעשער ביר,
אַריינגעטוענע אין דער מאָרד־עבודה
פון ייִדנפּאָלק אויף פּוילישער ערד.

דאָרט ווייטער צו, ביים דראָטענעם פּאַרקאַן,
שטייט אַ געווימל פון בירגער אָטוואָצקער,
אויסגערוטע, שוין נאָכן פרישטיק.
פרויען אין לייכטע זומער קליידלעך,
מענער אין שטרוי הוטן זיינען געקומען
צוזען דאָס בייז־וווּנדער פון ייִדן־פּאַרגאַנג.

זיי וועלן איצט ירשענען די ליידיקע היימען,
די שטיבער מיט ייִדישן ווילטאָג און גוטס.
זייערע קינדער וועלן זיך שפּילן
אין ייִדישע הויפן, גאַסן און געסלעך;
זייערע מוידן וועלן זיך צירן
אין וואָל און אין זייד פון ייִדישע טעכטער.
און אָפּגעווישט אויף שטענדיק וועט ווערן
דער זכר פון די אַלע, וואָס האָבן געוווינט דאָ,
מיט מי און מאַטער אַ שטאָט אויפגעבויט.

פון ווייטנס זיי זעען און זיי דערקאָנען
די שכנים פון נעכטן, פון אייערנעכטן.
אָט גייט צום טויט יענטל, די טאָכטער
פון שטאָט גביר, יצחק מאָקאָטאָווסקי.
מיט איר איז איר ברודערס יונג ווייבל,
אַ פּרוייִש־פּולע, ריין בלוט און מילך.

אַנומלט זיינען זיי ביידע געקומען
זוכן אַ רעטונג אין ייִדישן פּאָליציי־אַמט,
גרייט זיך איבערצוגעבן אַיעדן,
וואָס וועט זיי באַשיצן פון זיכערן טויט.
פּאַרטאָג האָט קראָנענבערג, דער קאָמענדאַנט,
ביידע יונגפרויען אַרויסגעטריבן
אין דער פּאַרצוימונג, פון דאָרט – צום טויט.

(די דייטשן וועלן שפּעטער אויך אים, קראָנענבערגן,
צוזאַמען מיט טאַליען, זיין ווייב, דערשיסן,
באַלוינען אַזוי נאָך פאַר הינטישער דינסט.)

אַט לויפן זיי ביידע, די מאָקאָטאָווסקיס,
די הענט פאַרקלאַמערט, צום אָפענעם קבר,
און דאָרט ביים אַנשיט, זיי נעמען אַרום זיך,
ווי עס דעריאָגט זיי דאָס ביקסן־פייער
און דערשלאָגט ביידן ביים ראַנד פונעם גרוב.

און אַזוי איז געגאַנגען, צוויי מאָל אַ וואָך,
דער ייִדן־מאָרד, די ייִדן־בראָך,
דער קידוש־השם, דורך פייער און בראַנד,
אין דער שטאָט אָטוואָצק, אין פוילנלאַנד,
ביזן לעצטן ייִדנס יציאת נשמה,
אין חודש אלול, תש"ב, פּרשת כּי תצא למלחמה.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין יענעם טאָג

ס'ברענען שוין די לעצטע פייערן אין די גאַסן,
ס'טרינקט זיך מיין היים אין בלוט און וויי,
אויף פייער־פליגל טראָגט זיך דאָס געשריי,
דאָס גסיסה־ליד פון אומקום און פון האַסן.

אַ שטומע שטייט די וועלט און שווייגט ביים מאָרד,
די ערד האָט קיין ציטער נישט געטאָן,
נישט גערירט פון אָרט,
און נישט דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן;
גאָט אַליין האָט זיך אין יענעם טאָג
פון שרעק באַהאַלטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פינף ייִדישע קינדער

פינף ייִדישע קינדער אויף ערד אָן אַ גאָט,
אויף בוידעמס, אין קעלערס פאַרזונקען;
אַ זכר אַ לעצטער פון געטאָ־אָטוואָצק
פאַרשיקט שוין צום מולך – טרעבלינקע.

אַ שטילקייט אַ טויטע האָט איינגעהילט
דעם ליידיקן שטח פון געטאָ.
ס'האָבן די הייזער געשטומט דאָרט אין שרעק,
געציטערט האָבןביימער און בלעטער.

אָט האָבן זיי זיך געטראָפן באַנאַנד,
ווי חיות דערשמעקט זיך פון דער ווייטן;
געשלייכט ווי שאָטנס אין ווילדעס און הייף,
געמיטן סכּנות באַצייטנס.

ביינאַכט פלעגן זיי זיך טוליען צו קעץ
ס'זאָל זיי דאָרט וואַרעמער ווערן.
אַרום האָט געוואָיעט דער אָסיען ווינט,
פרעמד־קאַלט געשיינט האָבן שטערן.

עס טרייבט זיי דער הונגער פון חורבות אַרויס
הינטער דער שטאָט צו געפינען
אויף פעלדער אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ קרויט,
און מיט דעם – צוריק אין מעלינע.

צעביסן פון לייז, ווערעם און פליי,
די בגדים פעך שוואַרץ און צעטרייבערט;
עס שטאַרן פון זיי בלויז ביינער און הויט –
פינף קינדערשע סקעלעטן־לייבער.

ס'האָבן זיך פּוילישע שכנים פאַרטרויט
וועגן די פינף געטאָ־קינדער,
וואָס שלייכן אַרום טיף אין דער נאַכט,
אין קעלט און אין שניי פון ווינטער.

האָט ווער אַ מאָל זיך דערבאַרעמט אויף זיי,
געלאָזט פאַרן שוועל וואַרעמס־טעפּלעך;
אַנדערע גאָר — גערחשבונט דעם לוין
פאַר פינף קליינע ייִדישע קעפּלעך. . .

ווער ווייסט, צי ס'האָט כאָטש איינס פון זיי
דעם שאַל פון באַפרייונג דערהערט?
פינף ייִדישע קינדער, איין־און־אַליין
אויף גאָטלאָזער, רוצחישער ערד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

נ אַ צ י ס

טויזנט דורות וועלן זיי פאַרדאַמען.
פון דור צו דור וועט גיין דער אָנזאָג
פון שטאַרבנדיקע טאַטעס צו זייערע קינדער.
די מעשׂר־רצח דייטשע וועלן בלייבן
אַ וווּנד אַן אַנגעריסענע אויפן מענטשן־מין.
פאַרשאָלטן זאָלן זיין די מאַמעס,
וואָס האָבן אויסגעטראָגן אָט די מאָנסטערס.
דאָס בלוט און די טרערן פון קדושים —
אַ שוואַרצטוך איבער זייערע קינדער
און קינדסקינדער,
צו רויבן זייער רו און זיי לאָדן
מיט שולד און שאַנד —
פאַר ערגער ווי די קאַניבאַלן
פאָטערס און אורפאָטערס.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ציגיינער פון קאַרטשעוו

פופציק צי זעכציק נפשות גאָר,
אין וואַלד לעבן קאַרטשעוו, אין אַ טאַבאָר.
ווי זיי האָבן דאָס, מוטיק און גרויסיק,
אַריבערגעטראָגן שׂינאה און חוזק,
צו זייער אייגענעם שטייגער געטריי—
הפקר און פריי.

דערנאָך איז די גרויסע מלחמה געקומען.
דער דייטש האָט אַלעם באַצוווּנגען, פאַרנומען.
אין געטאָ־גאַסן די ייִדן פאַרשלאָסן,
דאָרט זיי פאַרמאָרעט, פאַרהונגערט, צעשאָסן,
צום סוף זיי געפירט אין פיך־וואַגאָנען —
אין דעם טרעבלינקער גיהנום.

אַצינד האָט די שעה פאַר ציגיינער געשלאָגן,
עניגמע־ברידער פון ייִדן אין וואָגל,
פרעמדע צווישן די זאַטע אומות,
שׂעיר־לעזאזל אין זייערע מלחמות.

אָ ווי גיבוריש זיי זיינען געשטאַנען
אַקעגן די דייטשישע איינזאַץ־מאַנען
און זייערע מאָרד־ברידער, די אוקראַינער —
מיט ביקסן און מעסערס, שטאַנגען און שטיינער.

זיי האָבן דעם וואַלד — איין גרויסן שייטער —
אָנגעצונדן אַטקעגן די טייטער,
עס זאָלן די שלעגער אַ פרייז אַ הויכן
באַצאָלן צווישן פייער און רויכן.

די שׂרידים־ציגיינער, איינער נאָך איינעם,
האָט מען צונויפגעטריבן אין איינעם,
און אונטער אַ האָגל פון קוילן און קלעפּ,
צום מאַסן־קבר פון ייִדן געשלעפּט
און אַלע זיי דאָרטן צעשאָסן באַנאַנד —
ביי דער מיל פון קאַרטשעוו, אין פוילנלאַנד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

קאָרטשאַק

מיט רענצלעך און רוקזעק אויף אַקסלען
געשפּאַנט האָבן קינדער פּאָרויס;
און קאָרטשאַק, דער דאָקטער, מיט זיי
פון געטאָס יתומים־הויז.

געוואַרט האָבן וואַגאָנען רויטע
צו פאַרהעמערן זיי און פאַרשלינגען,
נאָר זיי – די אומשולד אַליין –
האָבן געשפּאַנט און געזונגען.

פאַר זיי ר׳האָט געלעבט און געקריגט,
געמאָנט און געשלעפּט זעק מיט עסן;
געהיילט און געלערנט און פאַרשפּילט,
די פינצטערע וואָר צו פאַרגעסן.

און לעבן מיט אַ חלום אַ העלן
פון אַ וועלט אַן ערלעכער, גוטער;
געוועז ר׳איז פאַר יעדן יתום
אַ זיידע, אַ פעטער, אַ פאָטער.

צוזאַמען פאַרשפּאַרט אין וואַגאָן,
צוזאַמען – אין לעצטן גאַנג;
אַ הונדערט יתומים און קאָרטשאַק –
מיט לעבן און ליבשאַפט געזאַנג.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ש ב ע ה

כ׳וועל איצט שבעה זיצן נאָך מיין היים
און קריעה רייסן – פון אייגענעם געביין;
כ׳וועל דעם וויי אויף אַקסלען טראָגן
און מיט אַש באַדעקן מיינע ווונדן;
כ׳וועל מיין לעבן מיט זייער טויט פאַרבינדן,
און טריפן וועלן אַלע מיינע טעג מיט טרויער
נאָך מיין אָפּגעמעקטער היים.

≈≈≈≈≈≈≈≈

זיגמונט סאָבאָלעווסקי

זיגמונט סאָבאָלעווסקי,
אין געשטרייפּטע אוישוויץ בגדים,
הייבט די הענט צום הימל, בעט מחילה
ביי די פלאַטערנדיקע נשמות
פון די פאַרגאַזטע ברידער־ייִדן.

ער גייט איבער די וויסטע וועגן
פון אוישוויץ, בירקענאַו.
די גראָע סטויפן שטאַרן ווי געשפּענסטער,
די עלעקטריע־דראָטן איבער זיי, ווי תליות,
די בערג מיט שיך, די הויפנס מענטשן־האָר
גלאָצן אין אימהדיקן שווייגן.

ער געדענקט די לאַנגע טעג
פון שקלאַפן האָרעוואַניע,
דאָס געביל פון הינט, די פּיסקעס
אויפגעריסענע מיט שאַרף פון ציין,
דאָס זידלעריי פון בייזע וואַכלייט
צום ריטעם פון הינטישן געביל.
ער פילט נאָך אַלץ אין זיינע נאָזלעכער
די לופט די פאַרשאָלטענע מיט ריחות
פון פריש־געברענטן מענטשן געביין.

פאַר זיינע אויגן שטייען לעבעדיק
די זקנים, די מאַמעס און קינדער,
צונויפגעטוליעטע, פאַרדרענגטע,
אויף דער האַרטער, קאַלטער ערד,
ווי זיי וואַרטן, טאָג און נאַכט אין ריי
צו די חנק־קאַמערן פון טויט.

און ער, זיגמונט סאָבאָלעווסקי, פרעגט:
וווּ איז די וועלט געווען? דער פּאַסטעך
פון הונדערטער מיליאָנען קאַטוילן?
און דו, מיין לייבלעך פאָלק פון פוילן,
פאַרוואָס אַזוי געשטאַנען ביי דער זייט
און צוגעקוקט זיך, אָפּט מיט שאָדנפרייד,
ווי עס שלאָגן כוואַליעס לייד־און־פּיין

צו אייערע פענצטער,טירן און טויערן
מיט רחמים־געבעט אומגעהייערן,
און זעלטן ווער האָט אַ האַנט געשטרעקט
און דעם קין־צייכן אָפּגעמעקט.

זיגמונט סאָבאָלעווסקי, אוישוויץ העפטלינג 88,
זיין עלטסטער זון וועט אויסברענען דעם נומער
אויף זיין רעכטן אָרעם און טראָגן
דעם פּאָטערס גְבִיַת־עדות פון נישטאָיִקע מיליאָנען,
וואָס זייערע נשמות פלאַטערן און מאָנען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ווײ־ווײ

וויי־וויי, ווי עס האָט זיי אויסגעטויט,
מיט אַלע מיתות בית־דין און נאָך מער,
דער דייטש און זיינע מאָרדהעלפערס
פון אַלע אומות אין אייראָפּע.

צוגערויבט אַלע זייערע מאָרגנס,
ליבשאַפטן, פריידן, צערן,
חתונות, בריתן און יום־טובים,
זיקנה־יאָרן, קדיש, שבעה.

פון דעמאָלט אָן קרייזן אין די ספערן
אַרום דעם ערדקויל איינציקן, באַלעבטן,
מיליאָנען ליכטער — זייערע נשמות.
זייער ברום און קלאָג טראָגט זיך
צומאָל ווי אַ קול דממה דקה
דורכגענומען מיט תחנונימדיק געוויין,
צומאָל ער שטייגט ווי אַ הוראַגאַן,
וואָס טראָגט זיך איבערן גאַנצן וועלטאַל.

אָט־אָט וועט ער צעטרייסלען, פלעטן
דעם בלאָען קיילעך, מזלות און פלאַנעטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די רעטערין

אין אָנדענק פון זאָפיאַ באַניאַ,
די רעטערין פון ישראל און פראַניע רובינעק

געבענטשט זאָל זײַן דער אָנדענק
פון דער פרוי דער פּוילישער —
זאָפיאַ באַניאַ איז געווען איר נאָמען —
וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ נסיון,
גרעסער פון אברהם אבינוס.

זי האָט אויסבאַהאַלטן צוויי ייִדן,
אַ מאַן מיט אַ פרוי אַ שוואַנגערע,
וואָס האָט זיך אַרויסקאַראַבקעט
פון אַ הויפן טויטע גופים
און אַנטרונען, מיטן לעבן נאַקעטן,
צון איר אין כאַטע,
אין אַ דאָרף אויסער פינטשעוו.

אַכט און צוואַנציק חדשים
געטיילט האָבן די רובינעקס
איר דאַך און ברויט און אימה.
אַיעדער צו זײַן גאָט האָט געבעטן
נאָך הצלה פונעם נאַצי־קין.

זאָפיאַס מאַן
האָט דעם פּרוּוו נישט אויסגעהאַלטן,
זיך אָנגעשיכורט און געמאָנט
משלח־זײַן די צרהדיקע ייִדן —
אַ בראָך אויף זײַן הויזגעזינד,
זײַן גאַנץ פאַרמעגן.

אָבער זי, זאָפיאַ,
אַ פאַרהאַרטעוועטע פויערטע,
איז אויסגעשטאַנען זײַנע קלעפּ און זידלערייען —
די ייִדן אָבער זײַנען אין איר היים
אַלצאיינס פאַרבליבן.

ווי גליקזעליק, ווי טריומפאַל
איז געווען זייער צונויפטרעף,
נאָך יאָרן צענדליקער פון צעשייד.
טרערן זיינען אומגעצוימט געפלאָסן,
ווען זיי האָבן זיך אומגעאַרעמט,
זיך געקושט און געהאַלדזט
נאָך אַ מאָל, ווידער אַ מאָל,
ווען זיי האָבן ביי נייס איבגעלעבט
אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען.

אָט שטייט נאָך דער פּיעקעליק
אַוווּ זיי האָבן געוואַרעמט
זייערע צוגעקעלטערטע ביינער.
און דאָרט – די סטאָדאָלע, ווו פּראַניע
האָט, אין פאַרשטיקטע ווייען, געמפּלט.
און דאָרט, ביים פענצטערל אויף אויסקוק,
געשטאַנען איז דער קליינער מאַניעק.

פאַרבליבן איז נאָך דער קעלערגרוב
אונטערן דיל פון הויז
ווו, אין סכּנה, האָבן זיי גענידערט.
איין מאָל האָבן דייטשן צוויי
גענעכטיקט אויף אַ בינטל שטרוי
אַקוראַט איבערן קעלער־טירל –
מיט די ייִדן צוויי פון אונטן.

און אָט –
דאָס שטעטל פּינטשעוו,
איבערפול אַמאָל מיט ייִדן,
אַצינדערט וויסט און לער.
ישׂראל אויפן קול זאָגט קדיש
אין אַן אימהדיקער שטילעניש,
צווישן ווענט פאַרחרובטע
פונעם שטאָטישן בית־מדרש.

און ווייטער־צו – דער קאָשטשאָלהויף,
ווו מען האָט זיי אַלעמען צונויפגעטריבן
און מיט מאַשין־געווער אויסגערוצחט.
גופים איבער גופים זיינען געפאַלן,
בלוט און פייער רונד אַרום,
מאַרך צעשמעטערטער און איינגעווייידן,
יאָמערלעכע קולות, וואָס דערגאַנגען
זיינען, אומגעענטפערט, ביז צום הימל.

אַצינדערט, אַז זי האָט געזען
אירע ייִדן און זייער נאָכוווּקס,
איז זאָפּיאַ די זקנה, שוין גרייט געווען
זיך צו שיידן מיט דער וועלט.
אויג אויף אויג וועט זי שטיין
אַנטקעגן גאָטס זון, דער מוטער הייליקער –
זי האָט געגנערט די הונגעריקע
און באַקליידט די עלנט־נאַקעטע
פון זיינע ברידער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

געטאָ קלאַנגען

גופים אויסגעצויגענע קלאַמערן די ערד,
הונגעריקע אויגן שפּיזן דורך דעם הימל;
אַ גאַסן־שפּילער כּישופט יאָמער־טענער
אינעם טרויעריקן געווימל.

קינדער, באָרוועס־נאַקעטע, זינגען
מיט דינע קולכלעך און העלדזלעך קוואַרע
דאָס אומקום־ליד פון געטאָ־וואַרשע
אויף קויטיק־קאַלטע טראָטואַרן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

גערטאָ העלדן

ביים שיין פון גרויסן געטאָ־שייטער,
וואָס האָט פאַרלענדט דעם גאַנצן שטאַם,
געשוווירן האָבן זיי אַ גורל־שבועה:
נישט שטאַרבן ווי אַ לאַם!

נאָר מיט פייער און מיט שטאָל זיך ווערן,
ברענען און פאַרצערן דאָס געביין
פון טיליקער, וואָס שיכּור איז
פון בלוט און ייִדנפּיין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פאַרבליבענע

צעריסענע, צעשטויבטע רעשטלעך
פון אַ פאָלק אַ גאַנצעס, אַ שפּרודלדיקס
מיט לעבן, מי און געזאַנג,
פון שטורעמווינט צעזייט, צעשפּליטערט,
פון האַס־בראַנדן געבייטשט, געברענט,
פון טאָל פון הויט און ביינער אויפגעשטאַנענע,
מיט האָב־און־גוטס קריק באַוואָקסענע,
מיט קינד און קינדסקינדער באַשאָנקענע —
זעען זיי, אין בין־השמשות פון פאַרגיי,
ווי ס'גייען אויף די קערנער פון זייער פאַרזיי.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דאָרט און דאָ

דאָרט האָבן מאַמעס מיט אויגן ווי בליצן
און קוואַרע הענט געפּרוווט באַשיצן
זייערע קינדער פון קלעפּ און פון קוילן,
דאָרטן אין ייִדישע געטאָס פון פּוילן,

ווען ס׳האָבן די דײַטשן ווי וועלף זיי געטריבן,
פון שטעט און ייִשובים צונויפגעקליבן
און ווי די שאָף און ווי די לעמער
אין וואַגאָנען פאַרשפּאַרט און פאַרהעמערט

און ווי מטורפע הינט זיי צעשאָסן
און הפקר ווי וואַסער זייער בלוט פאַרגאָסן.

און דאָ – אַן אַנדערע צײַט און וואָר.
מען טוט זיי דערמאָנען איין מאָל אַ יאָר,
אין זעט און אין ווויל, אין זײַדנס געקליידט –
זייערע פּײַנען, זייערע לייד.

און בלאַס זײַנען ווערטער, זיי שטאַמלען,
אויף אַלע טרויער־געזאַמלען.
בעסער וואָלט יעדער ביחידות, אין ווינקל,
אַ טרער אין אויגן אויסגעפינקלט

און, שטייענדיק, פאַר זיך אויסגעשוויגן
זייער געהייליקטן ניגון.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די עקדה

ייִדן זיצן אַרום טישן אין היימישן פּאַרק
און שמועסן אויפֿן קול.
ווי בוימל אויפֿן וואַסער שווימט אַרויס
אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון זייער גערייד
די עקדה פֿון די זעקס מיליאָן,
בלוט און פֿלייש, שוועסטער־ברידער,
אינעם בלוט־מבול פֿון אייראָפּע.

דערמאָנונגען פֿון לאַגערן און וועלדער,
פֿון קאַזעמאַטן, בונקערס,
פֿון מערדערישע דייטשע יונקערס
און די אַרויסהעלפֿערס – באַנדיטן.
זאָל זייער געדעכעניש אויף אַלע אייביקייטן
ווערן אָפּגעמעקט און פֿאַרשניטן!

≈≈≈≈≈≈≈≈

די זאַמלערין

פֿאַר האַננאַ קראַל

ווי אַ בין, אַ מיזאַמע, זי זאַמלט איין
קידוש־השם מתנות פֿון איר שטאַם,
פֿון יענער צייט, פֿון פֿייערפֿלאַם,
פֿון מאַסן־טויט און יאָמערלעך געוויין.

אַ ציכטיק־איידעלע, פֿול מיט חן,
זי נישטערט, זוכט אין יעדן קאַנט
פֿון איר ביטער־זיסן פּוילנלאַנד
עכאָס פֿון פֿאַרלוירענעם געוויין.

זי פֿאָרשט ביי טאַטעס און ביי קינדער,
ביי זיידע־באָבעס, אַלטע לייט,
גבית-עדותן פֿון יענער צייט
און געפֿינט דאָ און דאָרט, באַזונדער,

איינצלנע, וואָס זוכן אום אָן מורא –
אַ וועג צו זייער שטאַם און שורש.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דער פידלער פון בירקענאַו

אַזוי האָט ער געשפּילט, דער פידלער,
אין אוישוויץ לאַגער בירקענאַו,
ווען ער האָט מיט מאַרשן באַלייט
די אויסגעמאָרעטע אָטריאַדן
אין געשטרייפּטע האָדערס, מיט נומערן
אויסגעברענטע אויף זייערע אָרעמס.

אַצינד, מיט פינף יאָרצענדליק שפּעטער,
שטייט ער פאַר אַ געזעמל פון ניצולים,
ציט אויס ניגונים דינע, קדישדיקע,
לזכר די, וואָס האָבן נישט דערלעבט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ ליד וועט פאַרבלייבן

אַ ליד וועט פאַרבלייבן, אַ געזאַנג
פון פייער און פלאַמען אַרויס;
פון דור צו דור וועט עס גיין,
נישט ווערן פאַרשטומט און אויס.

אַ שיר־השירים פון פּיין,
פון בלוט, פון וויי־און־ווינד;
פון טאַטע־מאַמעס, יונגפרויען,
פון מענער, זקן און קינד.

פון יידישע שטעט און שטעטלעך
אויסגעגלייכטע מיט דר'ערד,
פון רצח, הפקר־אומזיניקן —
אין רויך, פייער און שווערד.

אַ געזאַנג, אַ דממה־געיאָמער,
אַ מאַכטיקער שאַל און געהייל —
פון וויטסטע ספערן, מזלות,
ביז צו דער זינדיקער קויל.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אלה אזכּרה

האָב רחמנות, האַר פון אַלע אומות,
אויף דעם פֿאָלק ישׂראל, וואָס האָט פון תמיד
דיך אויסדערוויילט אויף אַלע דורות, צייטן,
אין אַ ברית אַן אייביקן, נישט צו פֿאַרבייטן;
וואָס איז געגאַן מיט דיין נאָמען אויף עשאַפֿאָטן
און גרויס געהאַלטן די תורה דיינע, די געבאָטן;
אויסגעשטאַנען שחיטות און עלילת-דמים,
קרייצצוגן, גירושים און פּאָגראָמען –
און טריי געבליבן דעם ברית בין הבתרים.

אַצינדערט ציילט מען ווידער קעפּ און אָרעמס
פון טאַטועס לייבלעכע, פון שוועסטער, ברידער;
אַצינדערט קלייבט מען זייערע צעשטויבטע גלידער
אויף שטיין־ברוקן פון גאַסן, טראָטואַרן;
אַצינדערט לויערן אויף זיי טויט־געפֿאַרן
פון מערדער און אַליין־מערדער, בייזע שפּאַרבער,
בלוט־קרובים סעמיטישע, צעיושעטע פֿאַרדאַרבער.

אָ גאָט, ווען וועט אונדזער גאַנג שוין ווערן
אַ גאַנג אָן קינות, עקדות, און אָן טרערן?

≈≈≈≈≈≈≈≈

ס'איז דאָ אַ זין

ס'איז דאָ אַ זין און אַ פּשר אַ טיפער
אין געטלעכער שריפט, אין הייליקע ביכער,
אין גאַנג פונעם פֿאָלק דורך צייט און רוים
פון אור־כּשׂדים ביז לעגיאָנען פון רוים,
דורך קידוש־השם און קידוש־החיים,
דורך דורות און לענדער ביזן עד־היום,
דורך בלוט און טרערן, שוואַרצע פֿאַרדאַכטן,
ביז אייגענעם לאַנד אין גורל־שלאַכטן,
וואָס אויסהאַלטן וועט, וואַקסן, געדייען
און זיין אַזוי ווי אַן עמוד פון פייער
פֿאַר ווייטע און נאָענטע פון אַלע וועלט־טיילן,
וואָס וועלן ציען אַהין־צו כּדי זיך צו טיילן
מיט פרייד און מיט בענקשאַפֿט, אין היימישן לשון,
וואָס וועט נישט פֿאַרגיין און נישט ווערן פֿאַרלאָשן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

יאָרטויזנטער

יאָרטויזנטער געווען אַרומגענומען
מיט קינאה־שינאה, שחיטות און אומקומען,
אין געטאָס איינגעשפּאַרט, פאַרדרענגט,
און אַזוי־אַרום דורות אויפגעברענגט
און די קייט די גאָלדענע געשמידט –
ביז צום בלוטיק־העלישן יאַריד
פון נאַצי־דייטש, דעם מאָרד־גולם –
ימח שמו לעולם.
ביזקל קריקקער אינעם אבות־לאַנד
צו קאָנען שטיין מיט מאַכטיקע באַנאַנד
אַקעגן גליתן, דעם ריז –
מיט אַטאָם־שטיין און מיסל־שפּיז.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ש ב ת

אַ טאָג פון רו, גענוס פון די גלידער,
התרוממות און תפילה, זמירות־לידער
און טישן באַשטעלטע מיט אַלעם גוטן –
מיט וויין און פיש, חלה צעשניטן.
און הענט פון מאַמעס געשטרעקטע, ריינע,
פאַר שבת־ליכטער, וואָס לויכטן און שיינען.

אייביקער שבת, פון לאַנג אָנגעברייטער,
נאָך וועלכן מיר בענקען דורך דורות און צייטן,
פון קליפּות נישט־גוטע פאַרהאַלטן, פאַרצוימטער,
פון זינגערס און זאָגערס אַן אויסגעטרוימטער.

ס׳בענקט נאָך דיין קומען אַ וועלט אַ געמידטע,
אַן אויסגעפּיינטע, פון שׂינאה צעגליטע,
זאָלסט נאָך אַלע בלוטפלוסן, שלאַכטן,
נידערן וויליק אין עולם־התחתון
און ברענגען פון שבת־שבתון די שיינען
אונדז נאָך באַשערטע, במהרה בימינו.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ווי משה

ווי משה,
וואָס האָט געשלאָגן פֿונעם שטיין אַרויס
מים חיים
פֿאַר זעקס מאָל הונדערט טויזנט נפשות
אין מידבר סיני וויסטעניש,
אַזוי שלאָג איך אַרויס,
טאָג ביי טאָג, פֿון האַרטן באָדן,
מים חיים פֿאַר מיין פֿאָלק
צעשפּרייטן איבער אַלע פֿרעמדן.

פֿאַר מיר – טישלעך, שורות,
שוואַרצע, בלאָנדע קעפּלעך,
אויגן ליכטיקע און קלוגע,
מיט קונדסים־שמייכלען אויף די ליפּן.

זיי – געזונט, פֿול־לעבעדיק,
איך – אַן אויסגעהוילטער בוים,
אַ שׂריד פֿון אַ וועלט אַן אָפּגעמעקטער,
שטיי און שפּין
געשיכטעס פֿון אַמאָל־אַמאָל,
לידער פֿון אַ שטעטלוועלט,
און פֿון ווייטן לאַנד פֿון די אבות.

פֿון מיין רעכטער זייט מיכאל,
פֿון דער לינקער גבריאל,
האַלטן אונטער מיינע הענט, וואָס שווערן,
ווי די הענט פֿון משהן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין ייִדישן לשון

אין ייִדישן לשון

גיב מיר אַ שורה, אַ וואָרט, אַ גראַם
אין ייִדישן לשון, מיט ייִדישן טעם,
מיט קרעכץ און מיט קנייטש און ייִדישן האַף, —
שענק מיר אַ שורה, אַ בלענדיקע סטראָף.

און לאָמיך אַרומגיין אין טעג זוניק־קלאָרע
און שרייבן־פֿאַרשרייבן, שורה נאָך שורה,
לידער, וואָס מונטערן און דערהייבן
דעם ייִדישן מענטשן מיט מוט און גלויבן.

און זאָלן עס לייענען אָן אונטערשייד,
יונגע און אַלטע, קינד־און־קייט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ תּפֿילה פֿון אַ ייִדישן פּאָעט

שׂר פֿון שירה, פֿאַרהוילענער קוואַל
פֿון אמת און שיינקייט אין גרויסן וועלטאַל,
דו האָסט מיך באַשאָנקען מיט גאָלד פֿונעם ליד,
פֿון ייִדישן ליד, וואָס האָט אויפֿגעבליט
ווי צוויט אויף אַ בוים נאָך ווינטער־זאַווײ,
פֿאַרנעם מיין געבעט, מיין פֿאַרשטילט געשריי:
זאָל קוואַלן מיט מים חיים מיין ברונעם
און פֿייכטן מיט ייִדישע ווערטער מיין גומען.
און זאָל מיך מיין ליד דערהייבן און ערן
און די פּרוכטיקע טעג זאָלן זיך מערן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

נ י צ ו צ ו ת

שלאָג פון פאַרצווייפל און פּיין
ניצוצות פון ליכט און פון שיין,
פונקען ווי שטערן אין שטאָק
פינצטערניש פון דער נאַכט.
כּישוף אַרויס ניגונים,
השתפכות פון מוח און האַרץ,
קלאָר ווי קרישטאָל און קוואַרץ,
זיניק און זוניק – אַ שטראַל,
וואָס שניידט זיך אין כמאַרעס אַריין,
ניצוצות פון ליכט און פון שיין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

צום ווייטן קוואַל

צום ווייטן, אומענדלעכן קוואַל,
צום אַל –
באַשאַף פון ליכט און בלענד –
מיין האַרץ איז געווענדט.

זאָל דאָס ליכט
ווי אַ קלייד מיך פאַרהילן,
און די שטראַלן, ווי סטרונעס,
מיטן ניגון פון טרייסט מיך פאַרשטילן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ וואָרט

אַ וואָרט, אַ שורה, אַ קלאַנג
געריפּט ווי אין פעלד אַ זאַנג,
געשטאַלטיקט אין נייעם באַשאַף
פון וואָרט און קלאַנג און טראַף,
ס'זאָל אויפגיין פון זיי אַ לויב
צום הימלהייך און צום שטויב
אונטער די באָרוועסע טריט
און לייכטן מיט זעונג, מיט ליד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ערב

אונטערן שאָטן פוןביימער און בלעטער,
אויף שטילער עווניו, אין שעה דער שפּעטער,

שפּאַן איך געמיטלעך, שפּאַן און וואַרט --
אויף וואָרט און ניגון, העלבלאָ און צאַרט,

ווי די קרוינבלעטער אויף צווייגן אין הייך,
געאָדערטער סאַמעט, טויִק און ווייך;

און ווי די בין, וואָס מיט פריידיקן זשום
טראָגט זיך אין גאָרטן פון בלום צו בלום;

און ווי דער פויגל אויפן שפּיצבוים,
וואָס זינגט אַריבער צום ליכטיקן רוים;

און ווי דער הימל קלאָר־ווייס צעהעלט,
וואָס זוניקט איבער דער גאָרער וועלט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

מיין באַגער

דער טאָג ציט לאַנג זיך און גרויס,
גלוסט זיך פֿאַרלאָזן דאָס הויז,
אַרויס אויף דער פֿריי, אין שטאָט,
מיט שלינג־און־שלאַנגיקן טראָט,
גיין זיך פֿאַמעלעך, מאַרשירן
וווּהין די פֿיס וועלן פֿירן.

לאָז איך אַרויס זיך אין גאַס
פֿריי און פּוסט־און־פּאַס.
כ'שטעל אָפּ זיך אַ ווייל און גאַף
אויף גאָטס און מענטשנס באַשאַף.
כ'גיי ווייטער און ווייס נישט וווּהין,
כ'פֿיל: ס'האָט ווערט און זין.

ברייט איז די שטאָט און לאַנג,
ווי מיין באַגער און פֿאַרלאַנג
אַלץ צו פֿאַרנעמען, ביז ס'וועט
פֿול מיין אויג זיין ביז זעט
מיט בילד פֿון וואָר און מיט קלאַנג,
זיך רייפֿן אין ליד, אין געזאַנג.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דאָס בוך פֿון לעבן

איך לייען דאָס בוך פֿון לעבן
אין איילעניש, אין שטענדיקן געיעג.
ווי בלעטער אויפֿגעמישט אין ווינט
פֿלאַטערן מיינע טעג.

גיך וועט דאָס מעשׂהלע פֿון לעבן
קומען צו אַ סוף;
און בלייבן וועט אויף בלעטעלעך פֿאַרגעלטע
אויך מיינס אַ סטראָף.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אָן שירה־קלאַנג

כ'וואָלט ווי אַ האַמער פון וואָר דעם שטיין
געשטויסן, אין מי, עס זאָל אויפגיין
דאָס וואָרט דאָס ריינע, ווי פון אַ ברונע,
דער ליכטיקער קלאַנג, די עכטע סטרונע.

נאָר ס'זיינען די טויבן די ווייסע פאַרפלויגן
און פאַרלאָשן איז דער רעגנבויגן.

און ס'קריכן די טעג, זאַטע און מאַטע,
אַלטעגלעך און גראָ, אַזוי ווי אַ לאַטע
אויף האַדער־בגדים פון איינעם אין קונע,
אָן שירה־קלאַנג, אויף פאַלשער סטרונע.

≈≈≈≈≈≈≈≈

עפן זיך

עפן זיך שטומפיקע שטומקייט
מיט ווערטער, וואָס זאָלן אויפשלאָגן
ווי כוואַליעס אָן ברעגן פון טייך
און ביז צו דעם ים זיך דערטראָגן.

זיי זאָלן אויסזינגען די שיינקייט
פון קינדער, ביימער און פלאַנצן.
די בלויזן פון גרויסן באַשאַף
זיי זאָלן באַשיינען, דערגאַנצן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

טעג אָן לידער

טעג אָן לידער, ווי אָן זונשיין, זיינען מאַטע,
פויל און זינלאָז ציען זיך די שעהען;
אָן־פּנימדיק זיינען זיי, תּמעוואַטע,
אין נעפּל איינגעהילט אין גראָען.

די שטומקייט שרייט ווי אַן עקרה
נאָך שוואַנגער־ווייַ און געבוירן;
איך בין אַ בעטלער דאַן, כ׳שטיי
פאַר צוגעמאַכטע, שווערע טויערן.

כ׳בין אַן אורמענטש, כ׳וואָלט געשלאָגן
אין האַרטן קיזלשטיין ביז עס
וואָלטן פייער־פונקען זיך צעזונגען
אין וואָרט־קלאַנגען און אין וויזיעס.

איינגעשטילט דאָס האַרץ – אַ האַרפע,
וואָס פאַרשטומט עס האָט דער טרויער,
נאָר איך וואַרט און וואַרט געדולדיק
אין אַ ציטערדיק געלויער,

ביז עס וועלן ווערטער־קלאַנגען
אומגעריכט אויפקומען
און ווי שפּריירעגן דערפרישן
מיינע וויאַנענדיקע בלומען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דאָס גלאַטע פּאַפּיר

דאָס גלאַטע שטיקל פּאַפּיר
וואַרט אויף ווערטער־תּיקון.
פאַמעלעך די ווייזערס זיך רוקן,
אַ שעה גייט אויס אין מינוטן.
דאָס בלעטל איז ליידיק, אַזוי ווי
אַ נאַקעטער בוים, אָן בליטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ליד און לעבן

ס'זאָל קומען אַ וואָרט,
ווי אַ טויב אין געפלאַטער,
און צעבויטען די שעה
די אומהיימלעך־מאַטע.

און ווייניקער טראַף
זאָל פּייכטן די ליפּן,
דערפרייען דאָס האַרץ,
צום זיין פאַרקניפּן.

נאָר ס'מידברט דער טאָג
חמימיק און טרוקן,
די הענט פאַלן אָפּ,
געבויגן דער רוקן.

און ליפּן זיי פּרעפּלען
אומזיסט אַ געבעט —
נאָך ליד און לעבן
שמאַכט דער פּאָעט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

צום פּאָעט

מורמל נישט קיין רייד
אויסגעמוטשטע, טרוקענע.
פייער גיב, פּאָעט,
פון האַרץ און נשמה,
ס'זאָל דאָס וואָרט אַ היילונג זיין
און אַ נחמה,
ס'זאָל אויף שטאַפּלען העכערע פון גלויבן
איעדערן דערהייבן,
ס'זאָל פאַרשיכּורן מיט פרייד פון לעבן —
אַ געשאַנק נאָר איין מאָל דיר געגעבן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

באַשערט מיר

באַשערט מיר צו זיין אַ דיכטער
ווען ס'הימלט און שפּאַלטן זיך וועלטן,
און ווייס נישט ווּעמען צו בענטשן
און וועמען פאַרדאַמען און שעלטן.

גענייגט איז מיין קאָפּ צו דער ערד,
שטאָט אין דער הייך – צו די שטערן,
און ס'בייגט זיך דער רוקן אונטער
די עולן און פחדים די שווערע.

כ'וויל, אַז מיין קול דממה דקה
זאָל הילכן מיט זין און מיט שליחות,
ווען ס'הימלט און ס'שפּאַלטן זיך וועלטן
און ס'פּאַלן צעבראָכענע לוחות.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין געלויער

דאָס האַרץ איז וואַד,
וואַרט און היט –
דאָס געבוירן פון אַ ליד.

אָנגעגורט, אין געלויער –
ס'זאָל אַ שלאָג טאָן אומגעריכט
מיט רעגנבויגנדיקן ליכט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין פּאַרק

כ'זינג פון בלאָען, טיפן רוים,
פון אויסגעשפּרייטן גראָזן־טעפּעך,
פוןביימער־חופות שאָטנדיקע
און ווינטלעך מילד־צעוויגטע.

און פון מענטשן זינג איך,
וואָס רוען נאָכן חמימהדיקן טאָג
אויף בענק, אונטער בלעטער־שאָטן;
און פון קינדער פלינקע
אויף הוידעלקעס און גליטש־ברעטער;
און פון פּאָרלעך פאַרליבטע
אין טיפע, טונקעלע אַלעען.

כ'נעם אַרום
מיט אויגן אָפענע, מיט וואַכיק האַרץ
דאָס גאַנצענע געוועב
פון זומער־לעב
אין דעם פּאַרק פון מיין געגנט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

טייערע קלאַנגען

טייערע קלאַנגען פון ייִדישע לידער
וועקן אויף הערצער פון גראָער רוטין.
וויפל שיינקייטן אין זיי איז באַהאַלטן
ווי פונקען אין זשאַר פון אַ קאַמין.

אין דרויסן דער פראָסט איז שניידיק־שאַרף,
אין זאַל האָבן יונגע קלעזמאָרים דערוואַכט,
היימישע זינגער און טרובאַדורן
וואַרעמען הערצער אין ווינטער־נאַכט.

די קלאַנגען וועבן זיך אין אַ סימפּאָניע
אין היימישן לשון, אין פריידיקע טענער,
עס פּאַטשן די הענט צו צום טאַקט
און אויגן מיט פרייד לויכטן און ברענען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די בשׂורה

איך שפּאַן מיט שטילע טריט
אין פרילינגדיקן פאַרנאַכט
אויף גרין־צעבליטע אַלעען
אין שלווה פאַרשטילט און פאַרטראַכט.

עס וועקן זיך קלאַנגען, געפילן
נאָך טעג לאַנגע, גראָ און איינטאָניק,
און ווי אין בליטן פוןביימער
נעמט יערן דער זאַפט און דער האָניק,

וואָס ליגט אין מיין ווען פאַרשטויסן,
פון קומער דערדריקט און פאַרטריבן;
און ווי די בלעטער אויף צווייגן,
נעמען זיך רירן די ליפּן.

און ס'טריפן די ערדישע זאַפטן
אַריין אין מיין ליד, אין מיין שורה,
ווי פייגל אין דינעם געצוויטשער,
זיי טראָגן אויפסניי די בשורה.

די בשורה פון לעבן און האָפן,
פון זיין און פון געראַנגל;
און ס'וועקן זיך אויף אין מיר
לוסט און פרייד געזאַנגען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין שעה פון דעמער

און גוט איז אַזוי צו שפּאַנען
אונטער דעם בלאָען הימל
און זען ווי ס׳זיינען פֿאַרקאַנען
באַהאָנגען מיט גרינעם געווימל.

כ׳שטעל זיך אַ ווײַלע אַנידער
באַטראַכטן, ווי ס׳שלאָגן די בליטן
אויף ביימערשע צווייגן און גלידער,
וואָס זויגן פון ערדישן מיטן.

און כ׳פּיל ווי אין מיינע טיפן
שפּאַרט אַזאַ לוסט צום לעבן,
ווי מיינע אויגן לויכטן און בליפן
אויף אַלעם מיר דערנעבן.

ווי מענטש, בוים און יצירה,
ערד און הימלפריי אויבן
דרינגען אַריין אין מיין שירה,
כ׳זאָל זיי אויסזינגען און לויבן.

באַוווּנדערן און כורעים פאַלן
פאַר אָט דער שעה פון דעמער
און מומלען אַ תּפילה און שאַלן
אַ פריידיקן ניגון און זמר.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דער פּאָעט

דער פּאָעט זאַמלט איין אין זיין שייער
דעם יאָרשניט פון ליד און געזאַנג,
יעדעס וואָרט איז געוויגן און טייער
אויף דער וואָגשאָל פון האַרץ און געדאַנק.

און מבטל איז ער דעם האַרמידער
פון געמאַרקן און טומל־פאַרברענג,
ער זאָל שלייפן און שמערגלען די לידער
און זיך ליובען מיט זיי פאַרבענקט.

זאָלן בירגער, פיליסטערס פעטע,
צאָלן מעשׂר -- אַ וועלפער־טשעק,
ער וועט פוצן די שורות, זיי גלעטן
ווי אַ שאַץ און אַ טייער פאַרמעג.

אין אַ רעקל אַן ענגס, אָן אַ קנאָפּ,
און די גילדערנע באָרד אין צעבלי,
טראָגט ער שטאָלץ אויף זיין קרויזיקן קאָפּ
די קרוין פון נויט און פּאָעזי.

≈≈≈≈≈≈≈≈

יעווגעני יעווטושענקאָ

הויך און שטאַלטנע, פול מיט לעבנסקראַפט,
לייענט ער זיינע קלינגעוודיקע לידער
וועגן לייד און לעבן פונעם פאָלק,
וואָס האָט אין טויט־געפעכט דערשלאָגן
די טויזנט־קעפּיקע דייטשע הידרע,
פופציק יאָר קריק, אין אָט דעם טאָג.
ער באַדויערט די פאָן, די צעטראָטענע
דורכן שטיוול פון באַוואָנצעטן טיראַן
און פאַרדאַמט דעם ייִדנהאַס באַנייטן --
אַן אייטער אויפן גוף פון ראַסיי.
עס דונערן די שורות זיינע -- רופן
צו ברודערשאַפט און אחריותדיקער פריי
פאַר פעלקערשאַפטן, גרויס און קלענער --
רוסן, ייִדן, טאָטערן און טשעטשענער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

מיקעלאַנדזשעלאָ

מיקעלאַנדזשעלאָ – סקולפּטאָר, מאָלער, בויער,
אויגן טיפע – ברונעמער פון טרויער,
דער ברייטער שטערן האָט געשיינט לבנהדיק
איבער דער שפּיצעדיקער באָרד און נאָז.
אַ מאַן אַ גבר, האָט ער ווי יעקב
געראַנגלט זיך מיטן שׂר פון שיינקייט
און אַרויסגעכּישופט לעבעדיקע קערפּער־ליניעס
פונעם דוממדיקן, האַרטן שטיין.

טאָג און נאַכט, ליגנדיק אויף רישטאָוואַניעס,
האָט ער די סיסטין־סטעליע אויסגעמאָלן –
אַ שיר־השירים צום אַלמאַכטיקן
און זיינע שותּפים אויף דער אויסדערוויילטער ערד.
ביזן לעצטן טאָג האָט ער דעם פּענדזל
פון ציטערדיקער האַנט נישט אַרויסגעלאָזן
און פאַרענדיקט, האַרמאָניש און אַסקעטיש,
דעם אַפּאָקאַליפּטישן „לעצטן מישפּט".

≈≈≈≈≈≈≈≈

ווינסענט וואַן־גאָך

פול מיט התפּעלות, לעבנסלוסט,
אין פרייען פעלד, אונטער זונגלי,
מאָלט וואַן־גאָך זיינע געמעלן.
מיט מאַכט אין האַנט, מיט האַסט
לויפט זיין פּענדזל הין־און־קריק,
אַ באַנומענער צווישן ליכט און שאָטן,
העלער עקזאַלטאַציע און דעפּרעסיע.

אַזוי קומען אויף, העלבלאָ און גאָלדיק,
זון־פאַרפּלייצטע פעלדער, פליינען
מיט געבויגענע, האָרעפּאַשנע מענטשן,
ערד־אַרבעטער, מענער, פרויען,
וואָס אין שווייס פון פּנים, מיען זיך
זייער טעגלעך ברויט אַרויסצוקריגן.
≈≈≈≈≈≈≈≈

ער האָט זיך געשפּיגלט

אין אָנדענק פֿון שלמה מיצמאַכער (1991־1912)

ער האָט זיך געשפּיגלט אין ייִדישן וואָרט,
ווי אין אַ פֿינקלדיקן בריליאַנט;
געכּתיבהט די אותיות מיט ציטריקער האַנט
און זיי מיט ליבשאַפֿט געפֿאָרט.

נאָטירט און פֿאַרטראַכט מאמרים צו שרייבן,
אויף וויפֿל די כּוחות וועלן אים סטייען;
געזופּט פֿונעם לשון די פּלעוועס און קלייען,
דאָס ריינע זעמלמעל בלויז זאָל פֿאַרבלייבן.

אין הויז, אויף אַ ווייכשטול, ער פֿלעגט זיצן שעהען,
אין ייִדיש־עבֿודה כּסדר פֿאַרטועןן
אין אָוונטן און אין פֿאַרטאָגן.

אַזוי ווי אַ שומר אַ טרייער, אַ וואַכער,
כאָטש מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שוואַכער,
ביזקל זיין שעה האָט געשלאָגן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די דיכטערין

די גראָע דיכטערין בענטשט מיט ווערטער
אַדורכגענומענע מיט טוי און ליכט
דאָס לעבן און דעם זיין. די שכינה
רוט אויף איר איידעלן געזיכט.

די דינע הענט אירע זי שפּרייט
אַרומצונעמען דעם גאַנצן באַשאַף.
די אויגן אירע שטראַלן, מוטיקן:
מענטש, גיי אָן! לעב און שאַף!

דער הימל איז פֿאַר איר אַ חופּה
פֿאַר אַלע מענטשנקינדער גלייך.
זי זינגט פֿאַר זיי אירע געזאַנגען
מוטערלעך, צאַרט און ווייך.

≈≈≈≈≈≈≈≈

עלעגיע

איינציקווייז זיינען זיי אַלע אַוועק,
זיך אָפּגעשיידט און נישט־געוואָרן;
ס'טויכן אויף זייערע פּנימער אין זכּרון
ווי סילועטן אויף אַ ווייטן וועג.

און עפּנסט אויף אַ לידערבאַנד אַן אַלטן,
און ביסט מתיחד זיך מיט זייער וועזן,
מיט טעג נישטאָיִקע, וואָס זיינען געוועזן,
מיט פרייד און טרויער, וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן.

און ס'קלעמט דאָס האַרץ, וואָס אין די גרויע אַשן
ווערן אַלע פלאַמען אויסגעלאָשן
אין אייביקן, בל־יַעבורדיקן גזר.

די מחנה גרויע קעפּ ווערט קלענער, קלענער,
און איינגעשטילט ווערן זייערע טענער –
בלויז פונקען טליִען נאָך אין זשאַר.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פּאָעטן ייִדישע

פּאָעטן ייִדישע, געציילטע, טרייע,
מינעזינגערס היימישע פון ייִדיש־ליד,
די וועלט אַרום איז האַפּערדיק און פּעוונע,
נאָר איר בלויז טריטלט שלאָף און מיד.

ס'איז אייער זריעה אויפגעגאַנגען העל
און ס'איז מיט זעט דער שייער אָנגעברייט,
נאָר עס הונגערט קיינער נאָך דער נער
אין ייִדיש־לשון פאַרקליידט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

נאָך אַלעמען

דעם אַרון האָט מען גענידערט
אין פינצטערער ערדישער מיט;
רידלעס מיט זאַמד האָבן
חברים און פריינד אָנגעשיט.

אַנומלט געלעבט האָט ער נאָך,
געכמורעט זיך, אויפמערק געמאָנט,
און זיפצנדיק: „גאָט, מיין גאָט",
די האַרבע יאָרן דערמאָנט.

צומאָל ער האָט געפרייט זיך
און ברעקלעך נחת געקליבן
פון צוויי געראָטענע טעכטער,
אַ זון און אייניקלעך זיבן.

ער פלעגט נאָך אַ כּוסה מאַכן –
אַ סגולה צום האַרץ און לאַנג לעבן;
געצערטלט דאָס בינטעלע לידער,
אַ ביכל אַרויסצוגעבן.

און כאָטש ס׳האָט געשווערט דער גוף,
די ראיה און אַלץ אין איינעם,
געגרייט ר׳האָט אַ ייִדיש־מאמר
פאַרן היימישן קלוב פון זקנים.

איצט ליגט ער פאַרשטומט, אָפּגעשיידט,
מחוץ שוין פון לעבן און לייד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אויף קאַנאַדער ערד

בין איך דער לעצטער ייִדיש־זינגער אויף קאַנאַדער ערד?
אַ זקן שוין, געבויגן און באַשווערט
מיט דורכפאַלן און שטרויכלען אָן אַ שיער –
און ס'לויערט שוין דער שניטער פאַר מיין טיר.
נאָר פול איז נאָך דאָס האַרץ מיט בענקשאַפטן, פאַרלאַנגען
זיי צו פאַרתיקונען אין וואָרט און ליד־געזאַנגען,
זיי צו פאַרכּתיבהן אין ייִדיש־טראַפּן
און ווי דער יוצר זיין יצירה – פון דאָס ניי באַשאַפן.

זאָל זיין, אַז מיין דינער שבט ייִדישע פּאָעטן,
וואָס האָבן אָט די פרייע ערד באַטראָטן
און אויסגעזונגען דאָ אין ייִדיש־ווערטער
פון היימען, שטעט און שטעטעלעך צעשטערטע
און וועגן נויט און פּראַצע, שקיעות און קאַיאָרן –
און איינציקווייז, אין דער שטיל אַוועק און נישט געוואָרן.
געלאָזן בענדלעך לידער, בריוו און בויגענעס פאַרשריבן
אויף פּאָליצעס פון ביבליאָטעקן, אין טעקעס פון אַרכיוון.

ווייזט אויס, מיר האָבן שווער געזינדיקט, אַז די זריעה
פון אונדזער לייב און לעבן און די מיען
זיינען אָן אַ ווידערוווקס געבליבן, אָן אַ שייער,
צו פאַרהיטן אַלץ, וואָס הייליק איז און טייער.
בין איך דער לעצטער ייִדיש־זינגער אויף קאַנאַדער ערד,
מיט דערמאָנונגען געלאָדן און מיט ווייַ באַשווערט?

≈≈≈≈≈≈≈≈

קלעזמער מוזיק

ניגונים, מעלאָדיעס האַרציקע
פון יונגע קלעזמאָרים
צופּן ביים האַרצן, לעבן אויף
ייִדישע שטעטלעך פון ערד אָפּגעווישטע.
קנס־מאָלן, חתונות, בריתן
קומען אויף פון טיפער פאַרגעסונג,
סאַרווערס, בדחנים און מיצווה־טענץ,
פורים־שפּילן און הקפות.

שפּילט, קלעזמאָרימלעך, שפּילט,
לעבט אויף פאַרגאַנגענע טענער,
כּישופט אויס פאָלקס־ניגונים,
טענצלט ריקודימלעך היימישע.
און זאָל דער סמיטשיק זיך לאָזן
איבער די סטרונעס פון פידעלע
מיט האַרץ און געפיל
אין אַ מתיקותדיק ייִדיש געשפּיל.

און זאָל מען דערפילן, אַז ס׳וועלן נאָך יום־טובן
אונדזערע היימען מיט געזאַנג אָן אַ שיער,
ווייל וואָס מיר זיינען – ייִדן זיינען מיר.

≈≈≈≈≈≈≈≈

זאָגט נישט

זאָגט נישט: „מיר זיינען די זינגער לעצטע, טרייע",
ס׳קאָן אויך נאָך לעצטע קומען באַנייונג.

ס׳קאָנען נאָך אויפלעבן אונדזערע גאַסקעלעך
מיט מונטערע לידער פון משהלעך, כאַסקעלעך.

און ליבעס קאָן יונגוואַרג נאָך פירן אויף ייִדיש
און יום־טובן קאָן מען ביי אונדז נאָך אויף חידוש.

און קומען נאָך קאָנען די יונגע, די פרישע
מיט ניט־דרייסטע טריט און איידעלער בושה

און אָנהייבן זינגען מיט קולכלעך דינע, –
און רוען זאָל אויף זיי די ייִדיש־שכינה.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דער בלאָער ערדקייַלעך

קאַנאַדע

אַ לויב דיר, לאַנד פון הונדערט פעלקערשאַפטן,
וואָס לעבן פרידלעך, זייט־ביי־זייט.
סע קוועלט מיין האַרץ פון שטאָלץ און פרייד,
וואָס איך בין דאָ פאַראַן, אין דיין מיט,
צו לויבן דיך אין ייִדיש וואָרט און ליד.

און פרייען זיך מיט דיין ווּקס און גלאַנץ
און בעטן דו זאָלסט ווייטער בלייבן גאַנץ, –
אַ מקלט פאַר דערשלאָגענע פון גאָרער וועלט,
געטריבענע פון האַס, פון נויט און קעלט.

פאַרבלייבן זאָלסטו אויף להבא אויך אַזוי –
גענייגט צום שוואַכן, טונקלהויטיקן, דער פרוי,
צום אַלט־באַזעסענעם אינדיאַנער, אינוּויִט,
און צום פיל־געליטענעם, נע־ונדן ייִד,
וואָס ווערן דאָ מיט אַלעמען באַגלייך.
און לויבן זאָלן אומות דיין דערגרייך.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ניאַגאַראַ־לאַנד

ציט זיך פאַרויס דער לאַנגער שאָסיי
טיף אין ניאַגאַראַ־לאַנד;
מיניען די פעלדער און הייזער פאַרביי
און איינצלנעביימער ביים ראַנד.

און סעדלעך יונגע שפּרינגען פאַרויס
געפלעגטע פון מענטשלעכע קרעפטן;
קאַרשן און טרויבן – אין זוניקער שויס –
רייפן אויס זייערע זאַפטן.

ניאַגאַראַ־לאַנד, פּרוכטיק און פעט,
מיט ערדס שפע פול און באַלאָדן,
נערט און זעטיקט אָנטעריאָס שטעט
מיט אַל־אירע אוצרות און גענאָדן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין לאַנד פון פריי און פרידן

אינעם לאַנד פון פריי און פרידן
גייסט אַרום אַ באַנייטער;
פון נויט און קעלט און זיקנה־זאָרגן,
אַ באַזאָרגטער, אַ באַפרייטער.

אָנגעפלאָגט זיך, אויסגעלאָפן
פרעמדע שטעט און לענדערייען,
ביזקל האָסט אַ היים געטראָפן
אין אַ פרידלעך אָרט אַ פרייען.

און געהאָרעוועט, געמיט זיך,
אויסגעטראָגן עולן גאַנצע,
ס'זאָלן זיקנה־יאָרן פליסן
ווי אַ שטראָם צווישן פלאַנצן.

ווי אַ טאָג, וואַרעם און זוניק,
וואָס פאַרגייט אין גאָלד פון שקיעה
און פאַרשטילט דאָס האַרץ דאָס שוואַכע
און פאַרשליסט די מידע וויעס.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פוטבאָל שפּילער

פלינק ווי אינדן,
יאָגן זיי זיך איבערן ברייטן פעלד
אין געאייל פון שפּיל פאַרטועניש.
דער ווייסער באַלעם לויפט פאָרויס זיי,
געשטויסן פון באַשוכטע פיס,
באַלייט פון פרייד־געשרייען, אין האַסט.

אַ לויב דער יונגשאַפט, וואָס שיינט אַנטקעגן
דאָס אייביקע פאַרגיין און שטאַרבן
מיט לעבנסקראַפט, אין העלע פאַרבן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין אוירל ביילס פּאַרק

אונטערן הימל־געוועלב אויסגעשפּרייטן,
מיט ביימער געדיכטע אַרומגערינגלט,
שפּרייט זיך דער האַלב־רונדער אַמפיטעאַטער
אין אוירל ביילס פּאַרק, נאָרט־יאָרק, טאָראָנטאָ.
אַ האַלב־קרייז פון הונדערטער בלאָע געזעסן,
וואָס נידערן סימעטריש אַראָפּ פון דער הייך
ביז אונטן, ווו אויף בינע־ברעטער
שפּילט מען אַצינדערט אויס וויליאַם שעקספּירס
„די צאַמונג פון אַ מרשעת".

די נאַכטלופט איז קיל דאָ און קלאָר
און ס'שלאָגן די ביימער מיט ריחות טערפּקע
און ווינטעלעך וויעוען שטיפעריש אום.
עס טונקלט דער הימל און שטערן זיך צינדן
און פינקלען און מיניען אין הימל־פּרוכת.

און דאָ, אויף דער אָפענער בינע, אַנטקעגן,
קלינגט היימיש און מונטער דאָס וואָרט פונעם באַרד,
זיין חכמה און שאַרפזין, זיין טיפער באַנעם
פון לעבן און ליידן, פון ליבע און טויט.
און ס'צאָלט אָפּ דער גרויסער אַרומיקער עולם
מיט אָנערקענונג און בראַוואָס זייער פיל
פאַרן וואָרט פון מייסטער און מי פון אַקטיאָרן
אין אַמפיטעאַטער, אונטער פרייען הימל
אין אַ זומערנאַכט מיט שטערן באַצירט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דאָס קליינע ביימעלע

דאָס קליינע ביימעלע, וואָס באַשאָטנט מיך,
איז דין און דאַר. די בלעטעלעך
פּרעפּלען קוים אין מילדן ווינטל,
וואָס קילט די חמימה פון נאָך האַלבן טאָג.
דער שאָטן־עיגול אַרום ביימל
איז גענוג מיך צו דערפרייען,
אַז נישט בלויז דעמב, הויך און שטאַרק,
נאָר אויך אַ ביימל, דין און דאַר,
קאָן נוצן ברענגען מענטש און וועלט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

האַרבאָרפראָנט*

נאָך מיטאָג. זומערצייט.
אַ קיל ווינטל בלאָזט אָן אויפהער,
דערפרישט די מענגעס שפּאַצירער
און די, וואָס רוען אויפן גראָז,
אויף בענק און אַרום טישן.

דער הימל – קלאָר און הייס.
אַ דרייסיק־גראַדיקע חמימה
האָט אַרומגערייפט די שטאָט.
די וואָס קאָנען נאָר זיך לייסטן
רוען אין די לופט־געקילטע היימען,
אין אויסגעצירטע, שטייפע פּאַרלאָרס.

אָבער דאָ, אויפן האַרבאָרפראָנט –
אַ מקלט פאַרן פאָלק דעם פשוטן,
אַ זוניק־פרייער שטח,
די אָזיערע, דאָס קילע ווינטל
און עסנוואַרג, געטראַנקען אַ שפע
פאַר יעדערן זיך איינצושאַפן.

די זעגלשיפן גליטשן גלאַטיק זיך
אויף דער אָזיערעס שימערירנדיקער פלאַך.
זון־פאַרברוינטע מענער, פרויען
שיקן האַנטגרוסן פון שיפדעקן און בריקלעך.
אָפּגעפרישטע שפּאַציר־דאַמפערס
שווימען אָפּ מיט גרויס פאַנפאַר.

לענג־אויס דער פּראָמענאַדע שטראָמען מענטשן,
יונג און אַלט און מיטליעריקע,
איינצלנע, אין צווייען, אין געזינדן,
מענער מיט אויסגערונדטע בייכער

און שלאַנקע מיידלשע פיגורן,
ווייסע, שוואַרצע, געלע,
אַ בבל געמיש פון פעלקער, ראַסן,
שפּראַכן און פאַרשיידענע דיאַלעקטן –
און אַלע זײַנען זיי קאַנאַדער.

*ביים ראַנד פון האַפן, טאָראָנטאָ

≈≈≈≈≈≈≈≈

נ י י ל אַ נ ד

גרינע פעלדער, רחבותדיקע ווייטן
פון מיין נײַלאַנד שפּרייטן זיך און שפּרייטן.
גאַסטהייזער פאַרנעסטעט ביי שאָסייען,
גרייט דיך אויפצונעמען און דערפרייען.

און ווידער לאַנד־שטרעקעס פרייע, לאַנגע,
פעלדער פולע מיט תבואה זאַנגען.
גאָט געבענטשטע ערד פון צפון,
אַ באַהיטענע פון אייראָפּעס פּלאָג און שטראָפן,

האַלטן דאַרף מען דיך ווי דאָס אויגן־לעפּל טייער,
היטן פאַר פאַרדאַרב און שׂינאה־פייער,
עס זאָל דיין מזל ווייטער לייכטן, שיינען
אונטער הימלען נישט פאַרפעסטע, ריינע.

זאָלסט אַ היים זיין פאַר די אַלע שטאַמען,
וואָס באַוווינען דיך, פרידלעך און צוזאַמען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פּאָלקישע פרייד

דאָס פּאָלק,
אויף גראָזן צעלייגט,
אויף בענק, אַרום טישן,
אונטערן פריי־בלאָען הימל –
פאַרברענגט, גענישט
זשמעניעס פריי און פרייד.

און קינדער חנעוודיקע
לויפן, שפרינגען אַרום
ווי זומער־פלאַטערלעך
רוישיק און פילפאַרביק.

און אויבן,
צום רומל פון בילד –
די זון שיינט מילד,
פאַרגינט קינד־און־קייט
די פּאָלקישע פרייד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די זון האָט אויפגעשיינט

די זון האָט אויפגעשיינט און צעהעלט
די נאַסע, נעפלדיקע וועלט

און ס׳האָט דער טאָג זיך צעפּעכערט
מיט ליכטשיין רעגנבויגנדיק. אויף דעכער

אוןביימערשפּיצן האָבן פייגל זיך צעטרילט
און מיין האַרץ האָט מיטגעשפּילט

און געלאַשטשעט זיך אין זון מילדער,
אין מיטן פון דער שטאָטס געפּילדער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ווינטער

כ'האָב ליב דעם ווינטער,
דעם גבֿרנדיקן ווינט און פראָסט,
וואָס שמייסט פֿאַרשייט מיר אין פּנים
און שפּאַנט מיך אָן מיט לוסט און כּוח
צו גיין אַקעגן אים אויף דועלן,
וואָליוונגעריש און פריי.

דער בליאַסק פֿון שניי, וואָס גלימצערט
מיט מיליאָנען זילבער־שטערן,
פֿאַרכאַפּט מיין אויג מיט זיין עשירות;
דער טרעשטש פֿון טריט אויף שניי־גרונטן
שפּילט אויס דאָס ליד פֿון ווינטער־לעב.

די לופט, וואָס שניידט די נאָזלעכער
און ריינט די אָטעמצוגן –
זיינען ליבער מיר ווי טעג די פּוילע,
זון־געבאַקענע אויף דרום־ערדן,
ווען בלויז דער אָונט וואַרפֿט דיר צו
אַ שעה פֿון אָפּרו און מנוחה.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דערוואַכונג

ס'שטרעקן זיך צווייגן, פֿון ווינטער פֿאַרגרויט,
צום רוים און צו פריי, וואָס זוניקט און בלויט.
און בליִונג נעמט וועקן זיך און דערוואַכן
אויף די גינגאָלדענע, אָפֿענע פלאַכן.

און ווינטעלעך מילדע ווי כוואַליעלעך ווייסע
דערציילן פֿון ווינטער דעם סיפּור־המעשׂה,
ווי זיי האָבן געוואַרט, אין פראָסט און אין קומער,
אויף טעג פֿון פרילינג, אויף נעכט פֿון זומער.

אַ לעבן אויף אייך, ווינטעלעך גוטע,
אויף ביימער באַנייטע מיט קנאָספּן און בליטן,
אויף גאַסן און מענטשן, נאָענטע און ווייטע,
מיט פרילינג און זון באַשיינט און באַנייטע.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די שיינקייט

דער הימלטיף איז דורכזיכטיק בלאָ
קיין וואָלקנפלעק אויף אים איז נישטאָ.

די לופט, וואָס איך אָטעם איין ווי אַ שוואָם
איז ריין און קלאָר ווי אַ וואַסערשטראָם.

און ס׳צערטלט דער ווינט מיין פּנים און קילט
ווי אַ מאַמעס באַריר, טריי און מילד.

און איך, אויף אַ באַנק, בענטש שטילערהייט
די שיינקייט פון וועלט, וואָס האָט מיך דערפרייט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ב ג י ל ו פ י ן

טיף ווי די נאַכט איז מיין טרויער,
העל ווי די זון איז מיין פרייד,
די פרייד פון זיין און אַרומגיין
אין גאָטס וועלט־חָצֵר,
שפּיגלען זיך אין זיין זונליכט,
אין נאַכטיקע טונקלטיפן –
פון טרויער און פרייד בגילופין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ד ע ר ב ו י ם

דער בוים האָט אויסגעשטרעקט זיין שטאָלצן קאָפּ,
די דינע ראָזע בלעטעלעך צעעפנט האָט ער,
איצט שטייט ער רויִק און ער וואַרט,
ווי אַ יונגפרוי, פריש און שיין,
ס׳זאָל עמעץ, אַ פאַרבייגייער, זיך אָפּשטעלן,
אים אָנקוקן און לויבן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די מילדע זון

די מילדע זון, וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען,
האָט מיך דערוואַרעמט און אַדורכגענומען
מיט אַזאַ מין תשוקה, אַזאַ בענקשאַפט
אַרויסצוגיין פון מיין קלעם און ענגשאַפט
מיט הענט געשטרעקט צו די פרייע רוימען,
וואָס מאַניען פון דער ווייטנס – בלאָע טרוימען,
פאַראייינט ווערן מיט בוים, גראָז און בלומען
אין זייער אייביק וועלקן און אויפקומען,
וואַנדערן איבער ווייטע בערג און טאָלן,
פריי פון אַלע גראָע, שווערע עולן
און האַוועניישן טעגלעכע און לערע,
וואָס טוען דאָס געמיט און האַרץ באַשווערן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

זומערליד

אונטער צעצווייגטן בוים מיר זיצן,
זיין בלעטער־שאָטן טוט אונדז באַשיצן.

ווערווערקעס לויפן אַרום, שפרינגען אונטער,
לאָזן פון ביימער אין גראָז זיך אַרונטער.

ס'צוויטשערן פייגל פון אַלע מינים
זומערדיק־פרייע פייגל־ניגונים.

דערצו נאָך אַ ווינטעלע שויבערט און גלעט.
מען דאַרף בכלל נישט זיין קיין פּאָעט

צו פילן התעלות פון האַרץ און געדאַנק,
ווי וואָלסט געטרונקען אַ געטלעך געטראַנק,

אַזאַ וואָס צעגייט זיך אין יעדערן גליד,
ווי אַלטער וויין, ווי ס'עכטע ליד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

שלווה

פייגל־כאָרן, אין אַ דינער צוויטשעריי,
זינגען אינעם טאָגפּאַרגיי.
לייכט און איידל, קוים־קוים,
שפּילט אַ ווינטל מיטן בלעטערבוים.
און דער הימל אויבן – אַ געמעל
פון ווייס־בלאָער, דורכזיכטיקער העל.
אַ שלווה האָט געניזערט פון דער הייך
און זיך אויסגעשפּרייט צאַרט און ווייך
איבער גראָזן, איבער בלומענבייט,
די שלווה פון אַ זומערטאָג, וואָס פאַרגייט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין אַ פאַרנאַכט

עס רייצט דער דופט פון פרישן גראָז,
דבקותדיק וויגן זיך די בלעטער אין געבלאָז.
אַ בעזביימל שאָלט אויף אַ לילאַ־זמר,
דער וואָסערשפּריץ, אין גאָלד פון דעמער
פינקלט אין בריליאַנטענע קאַסקאַדן.
אַ יוסטער בוים, מיט צווייג און בלאַט באַלאָדן,
וואַרט מען זאָל אים גריסן פרידלעך
און אין זיין שאָטן רוען געמיטלעך.

אינעם גערטנדל מיט צווייגנפלויט אָפּגעטיילט,
כיזע, גייענדיק פאַרביי נישט געאיילט,
דריי פייגל ריען אין ווייכן גראָז.
באַלד גיבן זיי זיך אין דער הייך אַ לאָז,
אין דער בלאָער, דורכזיכטיקער ווייט.
איך האָב זיי מיט גרוסן וואַרעמע באַגלייט
אין אַ מיטן־וואָכיקן, פשוטן פאַרנאַכט
אויף אַ זייטיק געסל, זייגער אַכט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

געבענטשט זיינען

געבענטשט זיינען די אויגן, וואָס קוקן.
ווי שפּיגלען לויטערע פאַרנעמען זיי און קוויקן
זיך מיט אַלץ, וואָס לעבט, ווימלט און באַגערט
אויף אָט דער אויסדערוויילטער ערד:

מיט הימלען בלאָע, זון־צעגליטע,
מיט ביימער אינעם ווינט צעוויגטע;
מיט יונגשאַפט פלינקער און מיט אָפּגעלעבטער
עלטער, איינגעפאַלענער און שפּעטער;

מיט מיידל־גופים, בויגעוודיקע, רונדע;
מיט אַלץ, וואָס שפּאַרט מיט לעבן און מיט וווּנדער;
מיט געמיש פון שפּראַכן און גערייד,
פעסט־געזאַנגען און געכליפּ פון לייד.

מיט אויגן זעעוודיקע, אויערן וואָס פאַרנעמען
די פרייד פון זיין און פון פּיין די קלעמען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פון עץ החיים

ליכטיקע פרייקייט, אָפענע וועלט,
תכלית פון הימל, גרונט אונטער פיס,
וואָס טראָגן מיך וויליק אַרום
ווו נאָר כיטו זיך ווענדן.

אָט לאָז איך פון הויז זיך אַרויס
גאָטס וועלט באַוווּנדערן, בענטשן
און אויסרופן: „מענטשן, אוי מענטשן,
לאָמיר זיך פרייען, לאָמיר געניסן
פון עץ־החיים דעם זאַפטיק־זיסן!"

≈≈≈≈≈≈≈≈

הימלען אָפּענע

הימלען אָפּענע, האָריזאָנטן ווייטע,
ערדקיילעך מיט בלי באַנייטער,
און איך, בן־אדם, אין דער מיט,
אַן עדות, אַ פאַרגענגלעכער, וואָס בליט
און וויאַנעט אין געציילטע יאָרן
פון קינדערוויג ביזן שמאָלן ארון.

וואָס זאָל איך טאָן אַקעגן דער אומגעהייערקייט
פון עלעמענטן: וואַסער, פייער, רוים און צייט,
ערד און הימל, מַזָלות און פּלאַנעטן?. . .
צי זאָל איך זינגען הללויהס? זאָל איך בעטן
די קראַפט די איינציקע דערקענען און אַנטפּלעקן?

צי זאָל איך ווי אַ שטומע חיה מעקען
און שפּרינגען ווי אַ קעלבל פון התפּעלות
און ביזן הימל גרייכן מיט די יעלות,
אָדער וואָרקען שטיל־באַחנט ווי טויבן
און מיט די לעפצן לויבן, לויבן. . .

≈≈≈≈≈≈≈≈

פאַרליבטע

צוגעטוליעט, הענט איבער אַקסלען,
פאַרזיגלט מיט קושן צאַרטע,
צוויי לעבנס זיינען געאייניקט
אין ליבשאַפט און גלוסט.
און יונג זייער טראָט,
צעזונגען און העל.
ס'איז זייער פאַרמעגן
די גאַנצענע וועלט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ יש מאַין

אין קלאָרן, קילן פֿאַרנאַכט,
גיי איך אַרום און באַטראַכט
דעם ווייס־בלאָען הימלווייט,
די גאַסן, הייזער אָנגעברייט
אין פֿאַרגייענדיקער שיין פֿון טאָג,
און אַל דאָס גוטס פֿון וועלט־פֿאַרמאָג.

ס׳איז יעדער טאָג אַ פֿלאָדיק געשאַנק
און יעדער אָטעמצוג – אַ געזאַנג
צום וועלט־באַשאַף, צונעם קוואַל,
וואָס טראָגט די ערד, דעם וועלטאַל
און שלאָגט מיט לעבן און מיט פֿאַרגאַנג, –
אַ יש מאין פֿון געטלעכן געדאַנק.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פֿון תהלים

אין אָנדענק פֿון איידע מאַזע (1962־1893)

אַזוי האָב איך אַרויסגעלייענט פֿון תהלים:
און ווויל איז דעם מענטש,
וואָס גייט אין דעם וועג פֿון גערעכטע,
דעם גלייכן, דעם ליכטיקן וועג פֿון גערעכטע.
זיין לעבן איז ווי אַ בוים, וואָס שטאַמיקט
מיט זאַפטיקע וואָרצלען ביי וואַסערן קלאָרע.
די בלעטער, וואָס שפּרייטן זיך ברייט און צעוואַקסן,
קושט אויס די זון מיט מאַמישער ליבשאַפט.
זיי זיינען די טרייע באַשיצער פֿאַר מידע,
פֿאַרשמאַכטע אין וואַגל, אויף חמימהקע וועגן,
וואָס זעצן זיך שטיל אינעם שאָטן
און טרינקען פֿון קלאָרן, קוואַליקן וואַסער
און בענטשן דעם קוואַל און דעם בוים מיט די בלעטער
און דעם, וואָס רוט איבער אַלעם.

≈≈≈≈≈≈≈≈

חוהס טעכטער

אָ די גופים די פֿאַררונדיקטע
אונטער דינעם זייד צי באַוול־קליידלעך –
זיי ווירצן און באַחנען דעם באַשאַף.

ווי וואָלט טרויעריק און גרוי געווען
די וועלט אָן זייערע שמייכלען?
אָן זייערע ווייכע פֿאַסמעס האָר,
בלאָנדע צי פֿעך־שוואַרצע;
אָן זייער רייץ־געלעכטער.

אַ ברכה אויף אייך, חוהס טעכטער,
וואָס איר פֿאַרזיסט דעם זיין דעם שווערן,
וואָס איר באַשיינט די לעבנס־נאַכט ווי שטערן,
וואָס אין אייערע אָרעמס – גאָטס וווּנדער –
יום־טובן מענטשנקינדער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ געשאַנק

דער וואַרעמשטראָם פֿון פֿרויענלייב – זון פֿון לעבן –
אַ טייערער געשאַנק פֿון גאָט געגעבן,

די זאַפּטיקייט פֿון ליפּן, שטייף פֿון ברוסטן,
די שיכּרות פֿון דערוואַרט און פֿון גלוסטן,

די אָרעמס צעעפֿנטע, דער קנויל פֿון גופים,
די רייד און אָכצעניש – גלוסט־גערופֿן,

די רגעס פֿון עקסטאַז, אין הייסן פֿלאַטער,
דערנאָך די שטיל־און־רו די זאַטע –

אַ געשאַנק פֿון גאָט, צי טבע בלינדער,
פֿאַר די אויסדערווײלטע מענטשנקינדער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

פריינדשאַפט

פאַר אַבע און כאַווטשע סלאָמאַ

ווי שטראַלן וואַרעמע, וואָס נעמען אַרום
בוים און פלאַנץ אויף ערד אומעטום
און גורטן זיי אָן מיט חיות און זאַפט
זיי זאָלן זיך אויפהייבן ווען פאַרשלאַפט,
אַזוי איז די וואַרעמקייט פון גוטע פריינד,
וואָס זייער גוטווויליקייט לייכט דיר און שיינט,
וואָס צוזאַמען מיט זיי, איעדעס מאָל,
רייסטו אַרויס זיך פון אייגענער שאָל
און ווערסט דערהויבן און באַזעלט
מיט דראַנג צו לעבן און צו וועלט.
און זיכער דו ביסט, אַז זיי וועלן תמיד
דיר ביישטיין אין שעה פון נויט און אומעט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דער נס

פאַר מיכאלן, מיין אייניקל

דער נס פון קינד פון ניי־געבוירן –
אַ נפשל מיט הערעלעך און אויערן,

ווי ים־מושלעס זעלטענע און דינע
און אייגעלעך, וואָס לייכטן ווי רובינען,

און הענטעלעך געמייסטערטע און צאַרטע.
אַ לעבן אויפגעקומען אין אַ וועלט אַ האַרטער,

אַ ברויזנדיקער, אַ צעריסענער און ווילדער.
נאָר די ליפעלעך פון קינד די מילדע

באַוועגן זיך און גאַרן נאָך דערנערן
און זיינע אויערעלעך וואַרטן צו דערהערן

ליבשאַפט־ווערטער און באַריר פון הענט געטרייע,
וואָס זאָלן שטאַרקן אים אויפן וועג דעם נייעם.

≈≈≈≈≈≈≈≈

מיכאל גייט

מיין אייניקל מיכאל גייט, צום יאָר,
אויף זיינע פולע, קורצע פיסלעך,
גייט און פאַלט, און שטעלט זיך ווידער.
דאָס הויז איז פול מיט אים. ער איז
אַ גאַנצער מאַכער ביי שופלאָדן און טירן,
מאַבט אויף און צו, רוקט זיי פונאַנדער.

נישט פאַר אים די קינדער שפּילצייג.
ער איז אַן איינגעמער, אַן אַנטדעקער
פון אַלץ נייע שטחים.
ווען מיט מילך און קאַשע אָנגעזעטיקט,
זינגט ער בנעימות לויב־געזאַנגען
אין זיין לשון, פון אַן אייניעריקן.

מיד פון שעהען לאַנג אַרומשמייען,
שלאָפט ער איין אין זיין קינדער־שטייגל,
דאָס קעפּל אין אַ זייט, די הענטלעך אין דער מיטן.
זאָל אונדזער ליבשאַפט אים באַשירעמען און היטן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ליכטיק קינד

ליכטיק קינד, שיינקייט אומדערוואַרטע,
פרייד מיינע, לעבעדיקע, צאַרטע,
קוועקזילבער, נייגעריק און פריידיק,
אָן דיר דאָס גאַנצע הויז איז ליידיק.
מיט דיר פול עס ווערט מיט לעבנס־חן,
וואַקסן זאָלסטו און געזונט מיר זיין.

ווען מיט דיר, יונג איך ווער און פיל
ריין און אומשולדיק, אין קינדערשפּיל.
אָט זעצן מיר זיך אויפן דיל אַנידער
ווי צוויי קליינע, שפּילעוודיקע ברידער.

אָדער כ'נעם דיך רייטן אויף מיין רוקן.
דיין קינדעריש גערייד טוט מיך דערקוויקן.
אַ זאָל דער האַר פון לעבן און געדייען
אונדז ווייטער לייטזעליקן און דערפרייען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

מיין ייִנגעלע

מיין ייִנגעלע, דאָס פּריילעכע, זיסע,
האָט אָנגעפּילט מיך מיט גאָרער פרייד;
זיין תמימותדיקע האַוועניש האָט מיך
אויפגעמונטערט און באַנייט.

מיינע אויגן האָבן אָנגעקוואָלן
צו זען ווי ער שפּרינגט און טאַנצט.
מיין קומער ווי אַ וואָלקן איז צערונען
און אַלע האַרצריסן האָבן זיך פאַרגאַנצט.

אָט רייט ער אויף זיין קליינעם טראַקטאָר,
באַלד ווירבלט ער אין אַ קאַראַהאָד;
פּלוצעם ער פאַלט אין מיינע אָרעמס
פאַרקלאַמערט אין מיין ליבשאַפט און גענאָד.

אַ לעבן אויף דיר, אייניק מיין און פריינד,
וואָס האָסט מיינע זיקנה־טעג באַקריינט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

שפּרייז איידל

שפּרייז איידל און לייכט
איבערן ווייכן גראָז –
די הויט פון מאַמע־ערד,
פון איר ווערסטו גענערט,
אין איר וועסטו קומען צו רו,
אין איר מינדסטן גרעזל
דער אָטעם פון גאָט איז דאָ.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די פריילעכע חברותא

קינדער קליינע אויפֿן שפּילפּלעצל
נורען אין ווייכן, ווייסן זאַמד.
אַ מיידעלע אַ בלאָנדס פּלאַטערט
ווי אַ זומער־פֿייגעלע אויף דער הוידעלקע.
מיכאל, מיין צוויי־יעריק אייניקל,
קאָמאַנדירט אַ שטאָלענעם העליקאָפּטער.
אויף די נידעריקע רישטאָוואַניעס
דראַפּן קליינוואַרג זיך אַרויף־אַראָפּ.

אַ געפּלעקטער הונט,
פֿאַרקייטלט צו אַ באַנק דערנעבן,
מקנא איז די צעבאַלעוועטע קינדער,
צעבילט ער זיך איין מאָל, צוויי,
ווי ר׳וואָלט געזאָגט: „וואָס האָט מען מיך געלאָזן
אָן אַ זייט פֿון דער פֿריילעכער חברותא?".

≈≈≈≈≈≈≈≈

קינדער פֿון בראַזיל

קינדער פֿון בראַזיל,
די גאַס איז זייער היים,
דער רינשטאָק – אַ וואַש־באַסיין.
פֿון טאָג צו טאָג זיי לעבן –
בעטלערלעך, גנבים,
שווער־געפּרוּווטע גאַסנקינדער,
אָן רחמים אויסגעקוילעטע
פֿון אָנגעריצטע טויט־קאָמאַנדאָס.

הימל־שרייענדיק איז דאָס בלוט
פֿון קינדער־גופֿים,
מיט מאַרך צעמאָרשטעטן
אין קויט פֿון ערד פֿאַרקנאָטן.
איעדע טויטע קינדער־האַנט –
אַן אויסרוף־צייכן
אַנטקעגן גאָט און מענטש באַנאַנד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די דיקע מויד

די דיקע מויד, אין איינקויף־צענטער,
האָט פֿאַרבײַגײענדיק
אַ דאָלער מיר געבעטן
און איך –
בין געגאַנגען ווײַטער,
נישט געמאַכט זיך וויסן.

אַ ווײַלע שפּעטער
בין איך קריקגעגאַנגען,
די מטבע גרייט אין האַנט,
און איר שוין נישט געפֿונען.

אַ שאָד.
געקאָנט מיט אַ הייסן קאַווע־טעפּל,
צי מיט אַ פֿרישן בייגל,
אַ מענטש אַ היימלאָזן מהנה זײַן,
און פֿאַרבײַגעגאַנגען,
פֿרעמד און אומגעדולדיק,
די דיקע מויד
אין איר בעטלנויט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין אַ רגע

אַ מענטש קאָן אין איין רגע
פֿון ליכטיקער דערהייבונג—
די אייביקייט געווינען.

און אָנווערן ער קאָן זי
אין אַ רגע פֿון אומזינען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די חידה

אַרום מיר דער אייביקער וווּנדער —
הימל און ערד און בעל־חי;
גורלות פון מענטשנקינדער,
וואָס וועלקן און בליִען אויפסניי.

געראַנגל און לוסט און באַדויער
און טרוימען פון ווייטן דערגרייך;
און צער, עלנט און טרויער --
אַ חידה, וואָס האָט נישט אירס גלייך.

און איך, דער זינגער, זע אַלעס
און שלאָג אינעם שטיין פון דער וואָר,
ווי משה, וואָס האָט פון די סקאַלעס
געשלאָגן אַ קוואַל, ריין און קלאָר.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די זוימען

דער בליאַסק פון דער זון, וואָס שיינט
אַקעגן מיין פּנים און ברוסט,
שפּרייט ווי אַ זייער די זוימען
פון לעבן, פרייד און לוסט.

מיין וועזן ווערט דורכגענומען
מיט שטראַליקער ליכטיקייט,
מיין אויג ווערט אָנגעטרונקען
מיט בלאָער לויטערקייט

און מיינע פיס נעמען שפּרייזן
מיט נייַ־טראָציקע טריט.
די זון האָט מיך פאַרליכטיקט
און אַדורכגעשיינט מיין ליד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דער בלאָער ערדקיילעך

דער בלאָער ערדקיילעך
קרייזט אום אין אומענדלעכע רוימען.
אַרום אים -- גַלגַלים, מזלות,
פּלאַנעטן און קיילעכן שוועבן
אָן סימן פון לעבן.

בלויז ער, דער אויסדערוויילטער,
איין־איינציקער כּדור פון לעבן,
מיט מענגעס בני־אדם און פעלקער,
וואָס לעבן, געבערן און שטאַרבן,
בויען, האַווען, פאַרדאַרבן,
און זוכן דעם זין פון דער חידה --
ביזקל דער שעה פון ווידוי.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ווי יונה

ווי יונה
אין די איינגעווײדן פונעם וואַלפיש,
שווימען מיר
אויפן אויסדערוויילטן קיילעך.
און תפילהן מיט פאַרשמאַכטע ליפּן
צום ווייטן גאָט,
וואָס מיר האָבן ווידערשפּעניקט.

וועט ער אונדז צוריקברענגען
צו ברעגן זוניק־פרידלעכע?
אָדער אין די פינצטערע טיפענישן
וועלן מיר אויף שטענץ פאַרזינקען?

רחמים האָב, אומזעבאַרער באַשאַפער.
דיין יצירה טוט זיך טרענקען
אין ים פון בלוט און שׂינאה
און קאָן צום ברעג דעם ליכטיקן
דעם וועג נישט געפינען.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אויס ליבשאַפט אֵין־סופיקער

דורכגעפאַלן זיינען מענטשנקינדער.
געוואָלט זיין שטאַרבנדיקע געטער —
און אין בלוט און שׂינאה
טיף געזונקען.
און דער, וואָס איבער אַלעם
האָט זיי אַלץ פאַרגיבן.

ר׳האָט נישט אויסגעלאָשן
זייער לעבנסליכט, די זון,
די גַלגַלים און מזלות זיינען נישט אַרויס
פון די טראַנסן.

געדולדיק איז ער, דער פון אויבן;
האָט פאַרשותפט זיך מיט בני־אדם
און אַ וועלט אַ פולע
אָנגעטרויט זיי.
ס׳איז, זעט אויס, אַ שאָד אים
זיין אויסגעצערטלט האַנדווערק
אין צלם אייגענעם באַשאַפן.

אויס ליבשאַפט אֵין־סופיקער ר׳האָט
אַזאַ גזר געגעבן:
זינקען, פאַלן זאָלן זיי, די בני־אדם
און אויפשטיין אָבער ווידער,
און אין זייער בלוט זיך לייטערן —
און לעבן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

געקאָנט וואָלט

און עפנסט אויף דעם ראַדיאָ אָדער בלאַט,
שלאָגן איובשע בשׂורות דיר אַקעגן –
פאַרוויסטעניש און רויב, טייכן־פאַרפלייץ,
און איבער אַלעמען – קײַנשע געשלעגן.

און הונגער, פעסט, אימה און געכליפּ
פון מאַמעס, קינדער, יונגשאַפט אין געבלי,
אונטערגעשניטענע ווי זאַנגען אין אַ פעלד,
און שׂרפיקער צעשטער פון מענטשנס מי.

אומגליקלעכער מין – מענטשנקינדער,
פון פאַלשע אָפּגעטער אייביק פאַרפירט;
געקאָנט וואָלט ערדקויל זיין דאָך אַ גן־עדן
מיט פרייד און פרידן און גענוס באַצירט.

און טעג וואָלטן געווען פול מיט הללויהס
צום ווונדער פון באַשאַף, צום שדי־פּלאַם.
און פאָלק מיט פאָלק – ווי ברידער לייבלעכע,
אַ וואָלף געהויזט וואָלט ביי דער זייט פון לאַם.

≈≈≈≈≈≈≈≈≈

צוואָנציקסטער יאָרהונדערט

דאָס ליכט פון דער זון, די ווייס פונעם שניי,
ס'געזאָגט פון פרייד און דער ברונעם פון וויי;
ס'געווײַן פון געבוירן און פון געשעכט
פון ברודער מיט ברודער, פון האַר מיט קנעכט;
די אומשולד פון טאָג, דער זודיקער האַס,
וואָס פלייצט אין עטער און שוימט אויף דער גאַס –
יאָרהונדערט פון אָפּגאָט, דעם משיחית־אַטאָם,
פאַרהאַלט זיך, בן־אדם, ביים ראַנד פון תהום.

≈≈≈≈≈≈≈≈≈

יאָ, איך גלויב

יאָ, איך גלויב און גלויב, באַצווינג מיין האַרץ צו גלייבן
אין טעג אַחרית־הימימדיקע, וואָס וועלן דערהייבן
דעם מענטשן־מין פון אַלע טאָלן פון געוויינען
און די זון פון ברידערשאַפט פאַר אַלעמען וועט שיינען.

און אַלע וועלן מיען זיך, שאַפן פריי און זינגען
און דורות וועלן רינגלען זיך אין העלע רינגען.
אויסגעגלייכט אין גייסט, אין גוף און גלידער,
שוואַרץ און ווייס און געלע מענטשן־ברידער.
העלדן נייע, אָבער נישט אין ברידער־שלאַכטן,
נאָר אין וויסן גיריק און אין טאַט באַזאַכטן.

שפּראַכן און קולטורן וועלן בליען און געדייען פאַרביק,
מענטשנקינדער ווי מלאכים, נאָר בלויז שטאַרביק,
אַ ירושה וועלן לאָזן – ליבשאַפט, לעבן.
די ערד, די שפּייזערין, וועט בשפע געבן.
די ימען און די טייכן וועלן ווידער ווימלען
מיט פיש אַלערליי, און פייגל אין די הימלען.

פרומע, פרייע און צווייפלער, מענער, פרויען
וועלן יום־טובן צוזאַמען, איינס דעם צווייטן טרויען.
אַ נייע וואָר – אַן ערדישער גן־עדן –
וועט אויסגלייכן די קרומענישן, היילן אַלעליידן.
און באַזינגען וועלן דיכטער, אָט דאָס גליק באַשרייבן –
יאָ, איך גלויב און גלויב, באַצווינג מיין האַרץ צו גלייבן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

בעל־כּרחו

בּיגוואַלד וועל איך זיך אַ כּוח אָנטאָן
און אויסברענען דעם טרויער פון מיין לייב;
בעל־כּרחו וועל איך זיך באַצווינגען:
גלייב!

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ געבעט פֿון רחמים

אַ געבעט פון רחמים

פון זינט מיהאָט מיך אָנגערופן
יעקב־שׂמחה,
איז אַוועק פון מיר די שׂמחה.
פרעמד איז פרייד מיר געווען
אין שטוב פון טאַטע־מאַמע אָרעמע,
און אוודאי אין מיין יוגנט
אויף וועגן הפקרע —
אַן אַנטרונענער פון גרויסן פייער.

דורכגעדרונגען איז מיין ליד
מיט מאַמעס זיפצן,
טאַטנס שווערן הוסט
אין לאַנגע ווינטערנעכט.
פאַרשטומט געוואָרן איז מיין געלעכטער,
פרעמד מיר זיין לוסטקלאַנג,
געבליבן בלויז אַ טריב געזאַנג —
אַ געבעט פון רחמים.

פאַר יעדן מענטשן, ווו ר'איז נאָר פאַראַן,
וואָס הייבט אָן שטאַרבן —
גלייך פונעם געבוירן.
פון גרויסן לאַנגווייל, אָפּט מאָל טרעפט,
זיין ברודער אייגענעם ער דערשלאָגט,
פונקט ווי קַיִן,
און קויפט זיך נאָך דעם אויס
מיט אַ מינחה־אָפּער.

און פאַר מיינע ברידער,
אַנטרונענע פון טויטנגריבער,
איינער פון אַ שטאָט און צוויי
פון אַ געגנט —
צו די זאַמדן גלייכקע פון נגב,
צו די בערג און שטיינער פון גליל —
אַ לאַנד, וואָס פלייצט מיט ליכט און זון
אין פייערדיינג פון שׂינאה.

און אויף מיין זוגתי איינציקער
פון די פריע יוגנט־יאָרן,
וואָס גייט איין פון ערגערניש און צאָרן;
און אויף דער טאָכטער, וואָס אַנטלויפט
פון טאַטנס הויז, פון זיך אַליין;
און אויף מיין לעבן, הפקר און צעטראָטן,
ווי אַ בויד אַ ליידיקע אין פעלד —
רחמים בעט איך, האַר פון דער וועלט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין צער פאַרווייט

ווי דער הימל איז טונקל און וואָלקנדיק
און הענגט אַ געשוואָלענער איבער דער ערד,
אַזוי איז ס׳געמיט, וואָס פינצטערט אין מיר
און גייט איין און ווערט פאַרצערט.

ווי די גאַס אַרום איז ליידיק און וויסט,
אַ נחלה פאַר קאַלטן, הפקרן ווינט,
אַזוי מיט קעלט און צער פאַרווייט
איז אויף דער נשמה ביי מיר אַצינד.

און דאָס האַרץ איז אַ משׂא, וואָס שווערט אַראָפּ,
נישט צום דערטראָגן, כאָטש לייג זיך אַוועק
אַקעגן דער כמאַריק־פינצטערער נאַכט
אויף שטיינערנעם ברוק, אין מיטן וועג.

און פרעפל אַ תפילה אָט צו דעם,
וואָס איז פאַראַנען און דאָך נישטאָ:
ס׳זאָל די פינצטערניש אויפלייכטן מיר
מיט ליכטיקע שטערן און גלייביקער בלאָ.

≈≈≈≈≈≈≈≈

איך גיי אַרום און באַטראַכט

איך גיי אַרום און באַטראַכט
גאָטס וועלט מיט אירע וווּנדער;
בלויז געסט אויף אַ ווייל
זעמיר, מענטשנקינדער.

אַיאַ, דער טאָג איז קורץ
און די אייביקע נאַכט וועט דויערן;
און שטאַרבן הייבט מען אָן
פונעם טאָג פון געבוירן.

רייך און פול איז דער מענטש
מיט פאַרלאַנגען און מיט טרוימען,
וואָס שווינדן און ווערן צו נישט
אַזוי ווי דער רויך פון אַ קוימען.

נעם יעדע רגע און קוש
און האַלדז יעדן בוים און בלימל;
מאַך קידוש אויף דעם געשאַנק
צווישן ערד און הימל.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ גרייטער

שוין אויסגעניגונט אַלע ניגונים
פון נשמה־קוואַל, דעם טיפן ברונעם,

אין לעצטע טעג פון חסד און פאַרגעבן
פאַר שטרויכל־טוונגען אין גאַנג פון לעבן.

עס זאָל די נאַכט טרעפן דיך אַ גרייטער,
ווי נייַ־געבוירן ריין, אין געלייטער.

זאָלסט קאָנען רויִק גוף און זעל אומקעדן
צום האַר פון טויט און פון געבערן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ שאָד

ליכטיקע, איינציקע ערד,
וואָס אויף איר איז מיר באַשערט
אַרומגיין, באַוווּנדערן, קוקן,
לויבן, זיך פרייען און קוויקן
מיט ליד־געזאַנג און מיט לעבן.

אַ שאָד דאָס אַלץ אויפצוגעבן,
ווען פּלוצעם די שעה וועט שלאָגן.
טאָ גיי ביז וואַנען עס טראָגן
פיס דיך אויף גאַסן און שטראָזן.
אַ שאָד דאָס אַלץ צו פאַרלאָזן.

≈≈≈≈≈≈≈≈≈

כ׳נעם אָן

כ׳נעם אָן דעם גזר ווי אַ לוין
און טראָג מיין לייד ווי אַ קרוין
פון דערנער, אין זוניקער בלענד.
איך זע ווי די שעה גענענט,
די פאָרכטיקע שעה פון אָפּשייד
אין אַנדערן זיין — אייביקייט.

כ׳וועל קניען און פרעפלען אַ לויב
צום גינגאָלד פון זון און צום שטויב,
וואָס איז מיר צוגעטיילט און באַשערט
אויף איינציקער ערד.

≈≈≈≈≈≈≈≈≈

צו די געטער

זייט גוט צו מיר, געטער,
פאַרגינט מיר
דאָס ביסעלע ווײַלזיין,
דאָס פאַרגייִיקע טראָפּעלע גליק,
דאָס פאַרגעניגן פון אַ שפּאַציר
איבער אַלעען, אין פּאַרק,
מיט אַ חבר, זייט ביי זייט,
אין געמיטלעכן שמועס, אין דערמאָנונג.

זייט גוט צו מיר, געטער,
פאַרגינט מיר
די מאָלצייטן דריי, די זעט,
און דאָס היימישע קלאָר־ווייסע בעט
און די זיסע דערקוויקונג מיט
אַן אייניקל – קוועקזילבער, גאָלד,
און אַלץ, וואָס איך האָב האָלט.

האַלט איין, מאַכטיקע געטער,
די פורעניותן אָנגעברייטע –
דאָס שלעכטס טאָן פון ברודער־מענטש,
די רוגזה פון רויער נאַטור.

זאָלן די טעג די געשענקטע
זיין ליכטיק און לויטער־קלאָר,
אַזוי ווי דער זומערטאָג,
וואָס שיינט און שמייכלט צעהעלט –
אַ היילונג פאַר אַ מידער וועלט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

יאָרן

יאָרן געציילטע, געמאָסטענע,
יאָרן פֿון גרויסן וווּנדער;
כּ׳נעם אַרום און האַלדז זיך
מיט יעדן פֿון אייך באַזונדער.

נסימדיק, שטראַליק און ליכטיק
אין דער פֿאַרגייִ יִקער שיין;
אַ שאָד, וואָס כ׳האָב געזינדיקט
מיט טרויער, צאָרן און פּיין.

אַ שאָד, טעג גינגאָלדענע,
גאָטס גרויסאַרטיק געשאַנק,
וואָס כ׳האָב אייך נישט אויסגעיום־טובֿט.
דערויף טוט מיר וויי און באַנג.

≈≈≈≈≈≈≈≈

דאָס מעשׂהלע

דאָס מעשׂהלע
געקאָנט האָט דאָך זיין
אַזוי פֿאַנטאַסטיש־שיין,
פֿאַרוואָס זשע איז עס
אַזוי פֿאַרטונקלט געוואָרן
מיט חרטה־פֿלעקן
און האַרצריסן
שווערע צום פֿאָרהיילן?

≈≈≈≈≈≈≈≈

זאַפּ איין

זאַפּ איין אין זיך דעם אַרומיקן געווימל
צווישן ערד און הימל,
דעם הו־האַ פון לעבן,
וואָס איז דיר געגעבן
אויסצוטרינקען ביזן דנאָ,
ביז שיכּרות,
איידער ס׳וועלן זיך די אויגן דיינע שליסן
און דיין טאָג וועט פאַרפליען
ווי אַ חלום, וואָס געווען איז
און נישטאָ מער,
ווי אַ טאָג, וואָס איז אויסגעגאַן
אין דעמער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

צום געלייטער

אָ די מיסטעריע פון זיין, פון לעבן,
דער שלאָג פון בלוט דורך די געוועבן,
די וויסיקייט פון געדאַנק און וועזן
פון צייט און רוים, פון אַלץ וואָס געוועזן,
די דאָיִקייט, מיט וווּנדער פון סוד,
און די פאַרהוילנקייט פונעם יסוד,
אַזאַ פאַרשטומטער, נאָענט־און־ווייטער
אין שיפּוע־גאַנג צום געלייטער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַ בן־שמונים

פאַר שׂמחה ענגלסבערג

אין גיכן אַ בן־שמונים,
מיט מזל – אַ דערגרייך;
ער באַיאָט דאָס לעבן
און דעם טויט צוגלייך.

וואָס איז דער מין מענטש
פון בלוט און פלייש און ביין?
פאַרפירט פון כימערעס
און פון פאַלשער שיין.

איכיק און אינזיכיק
שטעץ און אַלע מאָל;
אין שפיגל – זעט זיין פנים,
הערט זיין אייגן קול.

דאָך אין חומר שווערן,
אין גראָער וואָכיקייט –
אַ ניצוץ איז פאַראַנען
פון דער אייביקייט.

אַ יום־טוב, אַ דערהייבונג,
ווי לאַנג עס ברענט די קנויט;
מיט דאַנקשאַפט אָנצונעמען
סיי לעבן און סיי טויט.

1990

≈≈≈≈≈≈≈≈

האַנט פֿון גורל

אין אָנדענק פֿון פֿרידאַ קאָפּיטאָ (1991־1913)

דורך אַ בייזער האַנט פֿון גורל
פֿון איר געראַמען הויז פֿאַרטריבן,
ליגט זי, ריין און אומשולדיק,
אין שפּיטאָל־צימער דעם טריבן.

ליגט זי הילפֿלאָז ווי אַן עופֿהלע
און מורמלט עפּעס שטיל און קוים,
וויגט זיך ווי אין הינערפֿלעט
צעווישן וואָר און טרוים.

בלויז די אויגן אירע, בלאָ־שאַרפֿע,
דרינגען טיף אין דיר אַריין
מיט אַזאַ הבלימדיקער קלוגשאַפֿט,
שוין פֿון יענער זייט פֿון זיין.

ביים בעט געבויגן — איר באַגלייטער
פֿון מער ווי פֿינף צענדליק יאָרן;
אַצינדערט איז ער סיי אַ יתום
סיי אַ מאַמע איר געוואָרן.

וואַכט ער און ער קאָרמעט איר,
וועקט איר און דערמאָנט
טעג און יאָרן דורכגעגאַנגענע
צוזאַמען, האַנט־אין־האַנט.

און ער שטשעמעט
אין זיין קעל געוויין —
אויף זיין אויסדערוויילטער,
אויף זיך אַליין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין שפּיטאָל־חדר

אויפֿן הויכן גאָרן, אין שפּיטאָל־חדר,
ליגט ער איינגעפֿאַלן, אין ווייטיקן כּסדר.
דאָס פּנים אויסגעצויגן, שוואַרץ ווי קויל,
די אויגן צוגעשלאָסן. מיט אַן אָפֿן מויל
ברעדיעט ער פֿון היץ און סם־פּילן,
דער ווייטיק לאָזט זיך נישט איינשטילן.

ביים בעט שטייט ס׳ווייב, אַ דאַרע, פֿאַרקוואַרטע
פֿון שווערע יאָרן און פֿון פּראַצע האַרטער.
זי פֿאַרריכט צוקאָפּנס אים דאָס ווייכע קישן,
מיט זאַפּט טוט זי די ליפּן אים דערפֿרישן.
זיצט אָפּ אַזוי שעהען לאַנגע, אויסגעצויגן,
און קוקט ווי ער גייט איין פֿאַר אירע אויגן.

די נאַכט ברענגט זי קריק צו זיך אַהיים
אין הויז אין ליידיקן, אייך־אַליין.
געבליבן איז איר מאַן פֿון אַלע יאָרן
דאָרטן אין שפּיטאָל־חדר אויף הויכן גאָרן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין אַ „נוירסינג״־היים

וויאַצען לעבנס איינגעקוואַרטע,
זקניש־הילפֿלאָזע און בלינדע —
צו די רעדלשטולן צוגעבונדן.

רינען אויס די טעג צוגעציילטע
פֿאַרשלאָפֿט און איינטאָניק־צעצויגן —
ביז די וויי־פּילן שליסן צו די אויגן.

אַלץ שוין אָפּגעטאָן, פֿאַרענדיקט,
איז געבליבן וואַרטן בלויז —
אויף דער נאַכט, וואָס לאַנג און גרויס.

≈≈≈≈≈≈≈≈

מיין שכן

ווער ווייס, וואָס האָט באַוויגן
מיין שכן פון ערשטן שטאָק –
אַ ייִד אַ ברייטבייניקער מיט מילדע אויגן –
זיך אָפּטאָן אַ מעשׂה – זיך אומצוברענגען
אין אַ קלאָרן האַרבסטאָג פרימאָרגן.

האָט ער געזען, אין זיין שגעון,
די טעכטער צוויי, יונגע, צאַרטע,
קומען אַריין און אין זייערע אויגן –

גרויל און שרעק אומדערוואַרטע?
האָט ער געהערט ס׳געיאָמער
פון ווייב – די הענט אירע פאַרבראָכן
אין אָנמאַכט, אין פאַרצווייפל?

גיך־גיך די שטריק ר׳האָט פאַרצויגן,
דעם האַלדז איר אָפּגעגעבן;
דער שווערער גוף איז געזונקען
גלייך אין תהום פון נישט־זיין.
אַ ווייל האָט נאָך זיין כאָרכלען
געהערט זיך אינעם חלל
פון ליידיק־פאַרשלאָסענעם הויז.

פאַרנאַכט צו האָבן אים קברנים
געטראָגן, אין ווייסן געדעקט,
אין שוואַרצן ליידיקן וואָגן.
צומאָרגנס, זיין רו ר׳האָט געפונען
אין ווינקל, ביים עק פון בית־עולם.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס
זיין זכר האָט היינט אויפגעטויכט,
ווען כ׳בין מיט די טרעפּ פאַרביי
דער טיר פון זיין דירה.
ר׳האָט מיך, ווי אַלע מאָל,
באַגריסט מיט אַ שמייכל. כ׳האָב געענטפערט:
„שלום דיר, שכן! דיין נשמה –
אין אייביקער רו און שלווה."

≈≈≈≈≈≈≈≈≈

ליכט פון קדושה

ס'איז דאָ אַ ליכט, אַ ווייטע שיין,
וואָס לויכט אויף פלוצעם אין געמיט
און רופט דיך גיין אויף גלייכן וועג,
אין דיינע טוונגען זיין געהיט.

מיט מעשים, רייד און מחשבות
פון אַ בן־חורין מיט געבאָטן,
אָן איך־וויסיקער און שטאַרבלעכער,
פון בלוט און פלייש געקנאָטן.

אַפילו ווען דו פאַלסט און שטרויכלסט
אין נעצן פון באַטרוג און טומאה,
רייסט זיך ווי אַ פויגל אין דער הייך
דיין געפאַנגענע נשמה.

צו הייליקייט, צו פרייד און שלמות
צום נצח־ליד פון גלייבן,
צו התרוממות, וואָס דערלייזט
און טוט פון חומר דיך דערהייבן.

עס שמעלצן דעמאָלט די מיראַזשן
פון גענוסן חיי־שעהיקע, באַנאַלע,
ווען ס'ליכט ס'אייביקע פון קדושה
שיינט אויף און ווערט נתגלה.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ק י ס מ ע ט

כ'וועל גיין אַקעגן מיין קיסמעט,
דער קאָפּ געהויבן, ברוסט אַרויסגעשטעלט;
געווען אַ ייִד און מענטש, זינגער און פּאָעט,
אַ בירגער פון דער גאָרער וועלט.

זאָל זיין וואָס דאַרף זיין, זאָל קומען
האָניק־זיסער שׂכר צי האַרבער דין;
אַזוי דער גורל איז פון אַלץ, וואָס אָטעמט,
פון מינדסטן ווערעמל ביז מענטשן־מין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ממעמקים

ממעמקים —
פון די טיפענישן פון מיין וועזן
קומען אויף מעשׂים לאַנג־פֿאַרגעסענע,
חטאות־נעורים, פעלערן
געטוענע אין שעה פון הסתּר־דעת.
ווי שלאַנגען פּויזן זיי און סיטשען,
פון מוח ביזן האַרץ, היך־און־קריך.

בעט איך: לייטזעליקער,
וויש אָפּ מיט דיין רחמימדיקער האַנט
אַלע שאַטנפלעקן מיינע,
כּ׳זאָל קאָנען הייליקן, אין קלאָר געמיט,
די טעג און נעכט מיר באַשערטע.

און אָנגענומען ווערן זאָל
מיין געבעט —
אין דיין נצח־היכל, ווי אַ קרבן תּמים,
קומען זאָל איך גאַנץ, אָן מומים.

≈≈≈≈≈≈≈≈

סליחה־לידער

שלאָג איך אין ברוסט ווי אין אַ מויער,
ווען ס׳קומען די שולדקייטן מיינע קאַפּויער,
ווי צאַרנדיקע פּוריעס אין פינצטערן לויער.

בעט איך אין באַנגשאַפט נאָך לייטזעל, נחמה
ביי דעם, וואָס גלייכט אויס די וועגן קרומע
פון זינדער, וואָס בלאָנקען אין אַלע אַרומען.

פאַל איך אין נידער, טיף אין די שטויבן,
לחשט געבעט מיין ווי וואָרקען פון טויבן —
נאָך שטראַל פון פאַרגיב און ליכטשפּריי פון גלויבן.

רוף איך פון טיפן, געפאַלענעם נידער
צו גאָט, צו מענטש — מיינע לייבלעכע ברידער —
אין געלייטערטע סליחה־לידער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אונטער דער לאַסט

אונטער דער לאַסט פון טעותים, שגגות,
טו איך, פאַרהווילענער, פאַר דיר קלאָגן;
כ'טובל מיין האַרץ, מיין לייב־און־לעבן
אין ליכט פון דיין חסד און דיין פאַרגעבן.

פון בלוט און פלייש האָסט מיך געפורעמט,
אין תהום געשליידערט, אין העלישן שטורעם,
און מיך געפאַנצערט מיט לאַוון, באַפעלן,
כ'זאָל היטן אין פייער און וואַסער דיין צלם.

און שטאַרק ווי אַ לייב זיין און פלינק ווי אַן אינד,
און אומשולדיק בלייבן ווי אַ מלאך, אַ קינד.
נאָר איך, אַ בן־תמותה, אין לויף פון די יאָרן,
בין מער ווי איין מאָל געשטרויכלט געוואָרן.

געפאַלן, גענידערט, פון דיר זיך באַהאַלטן
און דיינע נסיונות נישט אויסגעהאַלטן.
נאָר דו מיט דיין חסד, וואָס האָט נישט קיין ענד,
האָסט מיך דערהאַלטן און נישט פאַרלענדט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

צערטל־יאָרן

צערטל־יאָרן ציטריקע, געציילטע,
פון אַ לעבן לאַנג אויסדערוויילטע,
אויסגעטראָגענע מיט גערולד און ליבע
אין קומערטעג פאַרטונקלטע און טריבע
ביז דער וועג האָט זיך צעעפנט העל
ביי מיין אָרעמער טיר און שוועל.

איצטער הייליק איך איעדערע מינוט
און באַיאַ איר מיט „מה טוב, ווי גוט!"
און מיט ליבשאַפט און פאַרגיביקן גענאָד
צום נאָענטן מענטש און צום וויטן גאָט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

נאַכסאָל

דער מאָרגן מיט זיינע וואנדייריס,
מיט בלויליכטע און הימלישע טיפן,
און איך אין דער מיט גיי אַרום
פון ליכט און לעבן בגילופין.

כ׳צערטל די חידה פון מענטשזיין
און גרייט זיך צו שלאָג־שעה פון טויט,
און זויף ביז שיכּרות דעם וויין
פון קאַיאָר און שקיעה־רויט.

כ׳שלאָג מיטן קאָפּ אין דער לופטן,
צומאָל כ׳זאָל די חידה דערגיין —
פון מענטש דעם אייביק־געפּרוווטן
אין צער, אין פרייד, אין געוויין.

נאַכסאָל דער וועלטשמערץ־געפילדער,
דאָס שפּרינגען פון אייגענער הויט?
גיי שטילער און וייכער און מילדער
אַקעגן דיין גורל, דיין טויט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

זאָלן

זאָלן די טריט מיינע זינגען
אויף שטיינערנעם ברוק פון גאַס —
מיט לעבן, מיט שאַפן, מיט האַסט.

און ס׳האַרץ, אין לויטערן פלאַטער,
זאָל וואַך זיין און אָנגעברייט
צום פיבער פון לעבן־און־לייד.

זאָלן געשפּענסטער פון מיינע כּשלונות
ווי זריעה אויף שטיינער ווערן צעמאָלן
און ליכטיקן זאָלן אין מיר די אַמאָלן.

און זאָל איך פאַלנדיק פּרעפלען אַ לויב
צום הייליקן, ערדישן שטויב.

≈≈≈≈≈≈≈≈

שייל זיך אויס

שייל זיך אויס פון אַלע קליפּות
און פאַרמעק מיט שטאַרקן אָרעם
אַלע גלימצערנדיקע מיראַזשן,
וואָס מאַניען, נאַרן און פאַרפירן
מיט פאַלשן גלאַנץ פון גאָלד,
מיט הוילן קלאַנג פון באַשֶמטקייט,
מיט חיי־רגע פון געַנוס, —
איידער וועסט צו־נישט ווערן און שטאַרבן.

האַלט זיך אָן
אין די זיילן פון פשטות און עניוות,
רו אונטערן שאָטנבוים
פון שטילער ערלעכקייט
און טוק זיך אינעם קוואַלוואַסער
פון טריישאַפט און אמונה.

זאָלסט פילן דעם גן־עדן טעם
פון גאָט־געבענטשטע טעג און נעכט,
איעדער ווי אַ רייפע פּרי
אין זון פון אייביקייט געבאָדן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

ד ע מ אָ ל ט

אָ דעמאָלט וועט שוין גאָרנישט טויגן.
ס׳וועלן מער נישט קוויקן זיך די אויגן
מיטן בלויליכט פון פרימאָרגן,
מיט זונליכט אין וואָלקנס פאַרבאָרגן,
מיט די מיידלשע שטאַלטנע סילועטן
און נישט מיטן געזאַנג פון פּאָעטן.
שטאָק־פינצטער וועט דיין אויג ווערן
צום זילבערן גלימצער פון די שטערן,
פאַרשטומט ווערן וועט דיין ברוסט,
אָן אָטעם, אָן ברויז, אָן לוסט.

ביז דעמאָלט טרינק אָן זיך מיט לעבן,
אַן אײנציק געשאַנק דיר געגעבן.
פֿאַרנעם דעם גערויש פֿון גאַסן,
דעם אײליקן שטראָם פֿון מאַסן,
דאָס שורשן פֿון בײמער אין ווינט,
דאָס פּלאַפּלען פֿון פּיצעלע קינד,
די ליבשאַפֿט, וואָס זוניקט און העלט,
די וואָר פֿון דײן זײן אויף דער וועלט.
זינג לויבן צו איר אין פֿאַרטאָגן
ביזקל דײן שעה וועט אויסשלאָגן.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַנגסטיקע שעהען

אַנגסטיקע שעהען צעצויגענע,
באַגיקע, טרוקן און רוי;
מידבר פֿון צײט און רוים,
שטומקײט – פֿאַרשטיקטער געוואָי.

שמאַכטיק די ליפּן און ס'האַרץ,
די לײדיקײט לויערט און הויערט;
מחשבֿות אין סומנעם געלויף –
אײנטאָניקער ניגון פֿון טרויער.

ערגעץ־ווו מאַניעט אַ ליכט,
ווי אַ מיראַזש אין דער וויסט;
וועקט אויף ס'פּלעמל פֿון האָפֿן,
וואָס טליעט פֿאַרבאָרגן אין ברוסט.

אײנציק־פֿאַראַנענער, דו,
וואָס וואַכסט איבער לעבן און טויט,
שײל מיר פֿון נעפּל אַרויס
אַ נײעם מאָרגנרויט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

האַרבסטיקע מחשבות

די בלעטער אויף דיביימער, געל און גאָלדיק,
ציטערן אין געבלאָז פון קילע ווינטלעך,
און די זון אויף ווייטן האָריזאָנט
גילדט די וועלט מיט שטראַלן־בינטלעך.

איז גוט אַצינד אַרומגיין אויפן וייכן גראָז
און דערמאָנען מיט אַכפּער און באַדויער
די טעג, וואָס זיינען אויסגערונען און אַוועק
אין פרייד און לייד, אין חדווה און אין טרויער.

און די, וואָס זיינען מער נישטאָ מיט אונדז
און זייער קול אויף אייביק איז אַנטשוויגן,
און אונטער בערגלעך אויף בית־עולם פעלדער
איינגעשרומפּן דאָרט זיי ליגן.

און וועגן גרויסער וועלט, וואָס רינגלט דיך אַרום
מיט זון פון הימל און מיט שיין פון שטערן;
און וועגן מענגעס מענטשן, וואָס אָן אויפהער
זיי פעלן זיך און טוען זיך פאַרמערן.

און וועגן זין פון לעבן און פון טויט,
דעם קרייז דעם אייביקן, די גרויסע חידה;
און וועגן דעם פּאָעט, וואָס קנעט אויס
מיט האַרץ און מוח אָט די קהלת־לידער.

≈≈≈≈≈≈≈≈

די אייביקע שאלה

אונטערן שאָטן פון אַ ביימל
שטיי איך, באַטראַכט גאָטס וועלט —
דעם לויטערן זומער נאָכמיטאָג,
די ווייטן, ליכטיק־צעהעלט.

צום וויפלטן מאָל איך באַוווּנדער
און הייב מיינע אויגן אין דער הייך —
צו רחבותן די אין־סופיקע
און צו בן־אדמס דערגרייך.

און ס'פרעגט זיך די אייביקע שאלה
צום האַר פון אַלעם און אַלץ,
וואָס נערט אונדז אַלע טאָג־טעגלעך
מיט וואַסער, מיט ברויט, מיט זאַלץ.

פאַרוואָס זאָל לעבן געפּאָרט זיין
מיט פּיין, מיט לייד און פאַרגאַנג?
פאַרוואָס זאָל לעבן נישט מיינען
אַ שאַלונג פון פרייד און געזאַנג?

אַ ליכטיקע, העלע סימפאָניע
פון וויג ביז באַשערטער ענד;
איין ברידערלעך ליבליד פאַר לעבן
פון מענטשן־מין, אין פריידיקער בלענד.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אַיעדער טאָג

אַיעדער טאָג – פול מיט שיין,
מיט פרייד פון לעבן און דאָ־זיין
אויף גוטער ערד, אונטער הימל־רוימען,
באַנאַנד מיט בעלי־חיים, דוממים,
און אומגעהייערן אומזין־זין
פון וועלטאַל און מענטשן־מין.

אַיעדער טאָג – אַ יאָרצענדליק
פון תהילימדיקן אויפזינג – הללויה
צו הימלען ליכטיק־אויסגעשפרייטע
און ערדן נאָענטע און ווייטע,
מיט שפע און גענוס פון גוף און וועזן,
טרייסט און היילונג און גענעזונג.

אַיעדער טאָג – אַ בריליאַנטן־קרוין
פון גוטמאַכונג און באַלוין
פאַר יאָרן כמאַריקע, אָן שיין,
פאַרצערט אין טונקל־סומנער פיין.
איצט אויפגיין זאָלן זיי אין לויטער פרייד
ביז צו די טויערן פון אייביקייט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

באַלד

באַלד וועט די זון אויפשיינען,
אַרומנעמען מיט אירע ליכטשטראַלן
די גאַנצע ערד,
וואַרעמען בוים און מענטש
און בעלי־חיים –
מיט איר היילנדיקן אָטעם.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין לאַנד פון לעבן

די וועלט איז אָפן, סיליכטיקט אומעטום
און איך אין איר גיי אַרום;
באָד זיך אין ליכט, אין שטראַלן־שיין,
אין לאַנד פון לעבן און פון זיין.

און אַלץ אַרום מיר – קאָסמיש־גרויס,
אַ זון־בלענד, וואָס לעשט זיך אויס,
אַן עניגמע פון געבורט און פאַרגאַנג,
אַ סימפאָניע פון געוויין און געזאַנג.

אָ אויגן מיינע, פאַרנעמט און פאַרהיט
דעם אַרום, וואָס שיינט און בליט
און ניגונט שטיל און ביטער שרייט
אויף אָט דעם ערדקיילעך, נאָענט און ווייט.

אָ אָדעמס מיינע, שטרעקט זיך אויס
אַרומצונעמען אין דער גאַנצער גרייס
אַזוי פיל לעבן, אַזוי פיל שיין –
און שיכּור ווערן, נישט פון וויין.

≈≈≈≈≈≈≈≈

זייט עדות

הימלען אין־סופיקע, ערד געטרייע,
וואָס האָט מיך געטראָגן און גענערט
דורך יאָרצענדליקער, וואָס איז מיר דאָ באַשערט
אַרומצוגיין אין די גאָבן אייערע
באַוווּנדערן, געניסן און באַזינגען.

איך געזעגן זיך אַיעדן טאָג מיט אייך,
ווי משה ביי דעם באַרג נבו.
פול מיט דאַנקשאַפט איך באַיאָ
אייער אייביקייט און די פאַרגענגלעכקייט
פון מיינע צוגעציילטע שטרויכל־טעג.

זייט עדות מיר, אַז איך האָב
נישט צעטרענצלט אייער גאָב,
צו שיינקייט און צו אמת – מיין רעגן־בויגן –
האָט מיין וועזן זיך געצויגן.

און שטעג און אומעטום
כ׳האָב געזוכט דעם וועג, וואָס לינדערט
מענטשנוויי, אין מיין צעפּייניקטן יאָרהונדערט.

≈≈≈≈≈≈≈≈

אין לעצטן סך־הכּל

אין לעצטן סך־הכּל
זאָג איך: כּי טוב!
כ׳זינג ווידער, כ׳שפּין,
כ׳שאַף און האָף,

אַז ס׳איז מיין ליד נישט
אַ קול אין דער וויסט,
נאָר ווערן וועט עס
דערהערט און געגריסט.

דער כּוס איז באַלד ליידיק,
נאָענט צום דנאָ,
און כ׳צייל דאָס געשאַנק
שעה נאָך שעה.

ווי אַ סופר ביים סיום
פון אַ ריינקייט,
כ׳הייליק דעם גאַנג
פון לייד און פרייד.

ווייל אַלץ געווען איז
כּדאי און כּדאי –
מיין גבֿית־עדות,
כּה לֶחָי!

≈≈≈≈≈≈≈≈

אינהאַלט

פאָרוואָרט

די עקדה

דאָרטן 7
ווינטער־אידיליע 8
יוגנט 9
יום־כּיפּור נעכט 10
כ׳האָב איינגעזאַפּט 10
צעשיידונג 11
אַנטלויפּסט 11
פּליטים 12
קיין לוצק 13
אין פרעמדע ווייטן 14
מאַמע 14
ספּאַסק 15
חבר פּראָים 19
אין פרעמדן לאַנד 21
אין דאַנקשאַפט 22
קאַסאַנדרע 24
אַטוואָצק 25
פאַמיליע פּאָרטרעט 25
גאָדל 26
דו און איך 26
דער איבערבלייב 27
אין יענעם טאָג 30
פינף ייִדישע קינדער 31
נאַציס 32
ציגיינער פון קאַרטשעוו 33
קאַרטשאַק 34
שבעה 34
זיגמונט סאַבאָלעווסקי 35
וויי־וויי 36
די רעטערין 37
געטאָ קלאַנגען 39
געטאָ העלדן 40
פאַרבליבענע 40
דאָרט און דאָ 41
די עקדה 42
די זאַמלערין 42
דער פידלער פון בירקענאַו 43
אַ ליד וועט פאַרבלייבן 43
אלה אזכּרה 44
ס׳איז דאָ אַ זין 44
יאָרטוויזנטער 45
שבת 45
ווי משה 46

אין ייִדישן לשון

אין ייִדישן לשון 49
אַ תּפילה פון אַ ייִדישן פּאָעט . . . 49
ניצוצות 50
צום ווייטן קוואַל 50
אַ וואָרט 51
ערב 51
מיין באַגער 52
דאָס בוך פון לעבן 52
אָן שירה־קלאַנג 53
עפּן זיך 53
טעג אָן לידער 54
דאָס גלאַטע פּאַפּיר 54
ליד און לעבן 55
צום פּאָעט 55
באַשערט מיר 56
אין געלויער 56
אין פּאַרק 57
טייערע קלאַנגען 57
די בשׂורה 58
אין שעה פון דעמער 59
דער פּאָעט 60
יעווגעני יעווטושענקאָ 60
מיקעלאַנדזשעלאָ 61
ווינסענט וואַן־גאָך 61
ער האָט זיך געשפּיגלט 62
די דיכטערין 62
עלעגיע 63
פּאָעטן ייִדישע 63
נאָך אַלעמען 64
אויף קאַנאַדער ערד 65
קלעזמער מוזיק 66
זאָגט נישט 66

דער בלאָער ערדקיילעך

קאַנאַדע 69
ניאַגאַראַ־לאַנד 69
אין לאַנד פון פריי און פרידן . . . 70
פוטבאָל שפּילער 70
אין אוירל ביילס פּאַרק 71
דאָס קליינע ביימעלע 71
האַרבאָרפראָנט 72

נײלאַנד 73
פּאָלקישע פרייד 74
די זון האָט אויפגעשיינט 74
ווינטער 75
דערוואַכונג 75
די שיינקייט 76
בגילופין 76
דער בוים 76
די מילדע זון 77
זומערליד 77
שלווה 78
אין אַ פאַרנאַכט 78
געבענטשט זײַנען 79
פון עץ החיים 79
הימלען אָפענע 80
פאַרליבטע 80
אַ יש מאַין 81
פון תהילים 81
חוהס טעכטער 82
אַ געשאַנק 82
פריינדשאַפט 83
דער נס 83
מיכאל גייט 84
ליכטיק קינד 84
מיין ייִנגעלע 85
שפּרייז איידל 85
די פריילעכע חברותא 86
קינדער פון בראַזיל 86
די דיקע מויד 87
אין אַ רגע 87
די חידה 88
די זוימען 88
דער בלאָער ערדקייַלעך 89
ווי יונה 89
אויס ליבשאַפט איך־סופיקער 90
געקאָנט וואָלט 91
צוואַנציקסטער יאָרהונדערט 91
יאָ איך גלויב 92
בעל־כּרחו 92

אַ געבעט פון רחמים

אַ געבעט פון רחמים 95
אין צער פאַרוויט 96
איך גיי אַרום און באַטראַכט 97
אַ גרייטער 97
אַ שאָד 98
כ'נעם אָן 98
צו די געטער 99
יאָרן 100
דאָס מעשׂהלע 100
זאָפּ איין 101
צום געלייטער 101
אַ בן־שמונים 102
האַנט פון גורל 103
אין שפּיטאָל־חדר 104
אין אַ „נוירסינג־היים 104
מיין שכן 105
ליכט פון קדושה 106
קיסמעט 106
ממעמקים 107
סליחה־לידער 107
אונטער דער לאַסט 108
צערטל־יאָרן 108
נאַכסאַל 109
זאָלן 109
שייל זיך אויס 110
דעמאָלט 110
אַנגסטיקע שעהען 111
האַרבסטיקע מחשבות 112
די אייביקע שאלה 113
אַיעדער טאָג 114
באַלד 114
אין לאַנד פון לעבן 115
זייט עדות 115
אין לעצטן סך־הכּל 116

ביכער פון זעלבן מחבר

ביכער פון זעלבן מחבר

אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען
(לידער)
מאָנטרעאָל, 1950

≈≈≈≈

אין שעה פון תפילה
(לידער)
מאָנטרעאָל, 1958

≈≈≈≈

שלמה מימון, אישיותו ויחסו ליהדות
תל־אביב, 1971

≈≈≈≈

צער און טרייסט
(געזאַמלטע לידער)
מאָנטרעאָל, 1989

≈≈≈≈

בלענדיקער האַרבסט
(לידער)
מאָנטרעאָל, 1990

≈≈≈≈

SELECTED POEMS
OAKVILLE, ONT., 1990

≈≈≈≈

אַ שטיפקינד ביי דער ווייסל
טאָראָנטאָ, 1992

≈≈≈≈

STEPCHILD ON THE VISTULA
TORONTO, 1994

≈≈≈≈

A SONG WILL REMAIN
(POEMS)
TORONTO, 1996